גליון
# באור החיים
פרשת ואתחנן - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתמ"ג

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרה"ח ר' **חיים זילבערמאן** הי"ו
לע"נ חותנו הרב החסיד המפורסם בנש"ק ר' **שמואל מאיר** בן ר' **אהרן משה** זצ"ל לייפער
גיסו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע - יארצייט ביום **ט"ז אב - א' עקב** הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **פנחס דוד גליק** הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### עבודת הצדיקים לגלות הרחמים שבתוך הדין

**ה' הוא האלקים.**

יש לרמז, אשר בתוך שם אלקים מוסתרת שם הוי"ה, ועבודת הצדיק הוא לגלות מדת הרחמים המוסתרת בתוך מדת הדין, על ידי שיעורר רחמים על בני ישראל.

והקב"ה רוצה לשמוע דבריו של הצדיק שהוא עדיין בעולם הזה, שדווקא הוא יעורר רחמים וימליץ טוב על ישראל, וכפי שהוא יגזור מלמטה כן יקיימו בשמים ממעל, ומצינו כי לפעמים הקב"ה מביא צרה לעולם, רק מהאי טעמא כדי שהצדיק יעורר להתפלל ולבקש רחמים על בני ישראל מלתתא, ועל ידי זה יומשך עליהם שפע מלעילא, וכמו שאמרו בזוה"ק (ח"ג לא:) בעובדא דלתתא איתער עובדא דלעילא.

(פתג"ק וארא)

### כשמוח שליט על הלב מרגישין תמיד את אור ה'

**וידעת היום והשבות אל לבבך.**

פירוש וידעת היום, שתכיר את ה' אלקיך בדעתך, ואחר כך תמשיך ותשיב זאת הדעת אל לבבך, היינו לתוך המדות השוכנות בלב, להשתמש בהם לצד הקדושה.

ואם האדם אכן משליט המוחין על המדות שבלב, ומטהר את שבע מדותיו שבלבו להשתמש בהם לצד הקדושה, אזי מתגלה ומתלהב בקרבו כח ה"נקודה הפנימית" השוכנת שם בלבו, שיוכל להרגיש תמיד את אור ה' באש קודש, מה שאין כן אם מתנהג בשבע מדותיו שבלבו לצד הרע, ומגשם נפשו בתאוות גשמיות, מכסה ומסתיר בזה על הנקודה הפנימית השוכנת שם בלבו, ואינו זוכה להרגיש את אור ה' בעבודתו.

(דב"ק חנוכה)

### צריכין לעבוד את ה' בשלימות הראוי

**ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך.**

כתוב בפסוק ואהבת את ה' "בכל" לבבך, וכן כתיב "בכל" לבבכם, היינו שכל לבו של אדם צריך להיות טרוד בעבודת שמו יתברך, בכל לב ונפש ומאוד, וזאת תהא כל חיותו, לא למחצה לשליש ולרביע, וכן כתיב "כל" הנשמה תהלל קה, וכן כתיב "תמים" תהיה עם ה' אלקיך, תמים היינו לשון שלימות, שתעבוד את ה' אלקיך בשלימות הראוי, בכל לב ונפש, וחיוב זה מוטל עלינו בכל ימות השנה.

(דב"ק שופטים)

פרנס פעולות האיחוד לחודש אב
נתנדב על ידי הרבני החסיד והמפואר בריח התיכון ומגדולי תומכי מוסדותינו הק'
הרב **מאיר יעקב טעסלער** שליט"א
לעילוי נשמתו הטהורה של
רבינו הקדוש מרן **משולם פייש** בן הרה"ק רבי **מרדכי סג"ל** זיעועכ"י
לכבוד היומדהל"ק ז"ך מנחם אב הבעל"ט

אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך! מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**ידרך ענוים במשפט, מען קען נאר מדריך זיין איינער וואס האלט זיך בענוה.**

(שיח"ק ח"א רנ"ז)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **משה יצחק אליעזר פאפלאנאש** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת תגלחת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## דורכ'ן מקבל זיין די תורה גייט דער מענטש ארויס פון די שלטון הטבע

**אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים.**

עס איז ידוע וואס די מפרשים זענען מדייק, פארוואס דער אייבערשטער האט נישט געזאגט אנכי ה' אלקיך אשר בראתי שמים וארץ, וואס דאס איז א גרעסערע הוכחה אין מציאת ה' פון יציאת מצרים, ווייל ביי יציאת מצרים האט דער אייבערשטער נישט באשאפן קיין יש מאין, נאר ער האט משנה געווען די טבע מיש ליש, משא"כ ביי בריאת שמים וארץ האט דער אייבערשטער דאס באשאפן מיש לאין.

זענען די מפרשים מבאר דעם ענין יעדער לפי דרכו, און מ'קען דאס מבאר זיין לויט ווי עס שטייט די וואך אין די פרשה, אז יבדיל משה שלש ערים בעבר הירדן מזרחה שמש וגו', און די פסוק איז מסיים, וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל, זענען חז"ל מדייק וואס איז די שייכות פונעם פסוק וזאת התורה צו די פרשה פון ערי מקלט, און רש"י הק' איז מפרש, וזאת התורה, זו שהוא עתיד לסדר אחר פרשה זו, דאס מיינט אז עס גייט ארויף אויף שפעטער אויף די פרשה פון מתן תורה, און דאס דארף א שטארקע ביאור, ווייל עס שטייט וזאת מיט א ו', וואס איז מוסיף על ענין ראשון.

אין ספה"ק תולדות יעקב יוסף שרייבט ער, לויט ווי חז"ל זאגן (שבת קנ"ו ע"א) האי מאן דבמאדים יהי גבר אשיד דמא, פרעגט אויף דעם דער רמב"ם אין זיין ספר שמונה פרקים להרמב"ם, אז אויב אזוי פארוואס ווען איינער הרג'ט א נפש במזיד איז חייב מיתה און בשוגג גייט מען אין גלות, אויב זיין מזל האט דאס גורם געווען איז ער א אונס, און אונס רחמנא פטרי', ענטפערט אויף דעם דער רמב"ם אז די מזל איז נישט מחייב צו טון א זאך, נאר דאס איז גורם אז די מענטש זאל זיין נוטה נאך דעם מדה, אבער די בחירה איז נאך אלץ בידו ער זאל נישט נמשך ווערן נאך דעם מדה, און דער תולדות יעקב יוסף פארענטפערט דאס אויף אן אנדערן אופן, אז באמת קען מען זאגן אז די מזל איז בעצם יא מחייב צו טון דער זאך, אבער מיט דעם וואס דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר אידישע קינדער, האט ער זיי אויפגעהויבן העכער פון די שליטת הכוכבים והמזלות, און ממילא וועגן דעם פארשטייט מען פארוואס די תורה האט מחייב געווען איינער וואס הרג'ט א נפש, ווייל אפי' איינער וואס איז געבוירן געווארן אין מזל מאדים, ליגט ער נישט אונטער די שלטון המזל.

און מיט דעם איז דער תולדות מבאר די סמיכת הכתובים, ווייל נאכדעם וואס עס שטייט די פרשה פון ערי מקלט, אז א רוצח דארף גיין גלות, קען זיין שווער פארוואס האט די תורה אים מחייב געווען צו גיין גלות, לכאורה האט דאך אים זיין מזל מחייב געווען, און ער איז א אונס, אויף דעם זאגט דער פסוק, וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל, און וויבאלד אידישע קינדער האבן מקבל געווען די תורה, זענען זיי ארויס פון די שלטון הטבע און כוכבים ומזלות.

און לויט דעם קען מען מסביר זיין די פסוק, אנכי ה' אלקיך "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", דווקא, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט מיט דעם אויסלערנען אידישע קינדער, אז אזוי ווי ביי יציאת מצרים, האט דער אויבערשטער מכניע געווען די שלטון הטבע, און געוויזן פאר זיי נסים ונפלאות שלא כטבע הבריאה, אזוי אויך דורך דעם וואס זיי זענען מקבל די תורה, גייען זיי ארויס פון אונטער די שלטון הטבע, און די טבע איז נישט שולט אויף זיי, נאר זיי זענען שולט אויף די טבע.

און מ'קען מוסיף זיין צו מפרש זיין דעם ענין אינעם פסוק אליין, אנכי ה' אלקיך "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", 'מצרים', איז א לשון מיצר וגבול, דאס מיינט די גבול פונעם טבע, האט זיי דער אייבערשטער געזאגט, אנכי ה' אלקיך, 'אשר הוצאתיך מארץ מצרים', אז דורך דעם וואס איך גיב ענק די תורה, צי איך ענק יעצט ארויס פון ארץ מצרים, וואס דאס מיינט די מיצר וגבולות הטבע.

(עבו"ע פתג"ק)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג **אלחנן חיים כ"ץ** שליט"א (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### פרשת ואתחנן - שבת נחמו

מ'קען זאגן א טעם פארוואס שטענדיג אין די וואך וואס מ'ליינט פרשת ואתחנן געפאלט אויס שבת נחמו. לויט ווי ס'איז באקאנט, טאר מען נישט לערנען אין תשעה באב די געווענליכע לימודים, ווייל תורה איז משמח א מענטש, און ת"ב איז דאס נישט ערלויבט. דעריבער ווילן מיר ווייזן מיט'ן ליינען פרשת ואתחנן, ווי עס שטייט די עשרת הדברות, אז די טעג פון אבילות זענען שוין אדורך, און מיר שטייען שוין ווייטער גרייט צו לימוד התורה וקבלת התורה.

(עבודת ישראל)

### רב לך

ווי באקאנט איז משה רבינו געווען ספעציעל אויסגעצייכנט אין די מדה פון ענוה, דעריבער האט אים דער אייבישטער געזאגט, אז דא אין מדבר ווי אלע אידן האבן צוזאמען געלערנט, איז נישט געווען אזא גרויסער נסיון זיך צו האלטן שטאלץ, אבער ווען מ'גייט אריין אין א"י, און יעדער ווערט פארנומען מיט זיינע פעלדער, און משה רבינו וועט ווייטער פארבלייבן אלס יושב אוהל, קען ער נאך ח"ו צוקומען צו גיאות דעריבער האט אים דער אייבישטער געזאגט "רב" לך, דו קענסט נאך צוקומען צו די מדה פון "רב" דאס מיינט גיאות, דעריבער, אל תוסף דבר אלי עוד, ווייל דו קענסט נישט אריינקומען אין ארץ ישראל.

(אך פרי תבואה)

### ועתה ישראל שמע אל החוקים וגו' למען תחיה

די נשמה וואס איז א חלק אלקי ממעל, וויל כסדר ארויסגיין פון מענטש און גליסט צוריק צו גיין צו איר שורש, און נהנה זיין מזיו השכינה. אבער דורך דעם וואס א איד לערנט תורה, ברענגט ער די שכינה צו זיך, און בארואיגט דערמיט די נשמה, אז זי זאל נישט וועלן אנטלויפן פון אים.

דאס איז דער רמז, "שמע אל החוקים", וועט די שכינה רוען צווישן אייך, וואס דאס וועט גורם זיין "למען תחיה", איר זאלט לעבן, און די נשמה וועט נישט וועלן אנטלויפן.

(עצי החיים)

### ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום

אין די פרשה פון קריאת שמע איז דא 248 ווערטער [ווען מ'רעכענט עס צוזאמען מיט אמת], און דורך דעם וואס מען זאגט עס יעדן טאג, לייגט מען אריין א חיות אין די 248 איברים פון א מענטש.

דאס איז דער רמז פון פסוק, "ואתם", וואס דאס איז די אותיות 'אמת', "הדבקים", זאל מען באהעפטן, "בה' אלקיכם", און מ'זאל זאגן 'ה' אלקיכם אמת', און דורך דעם וועט זיין, "חיים "כולכם" היום", לייגט מען אריין א חיות אין אלע 248 איברים.

(דגל מחנה אפרים)

### שובו לכם לאהליכם ואתה פה עמוד עמדי

בדרך צחות קען מען מרמז זיין: שובו "לכם" לאהליכם, אויב דארף איך רעדן בלשון רבים ווי צו שיינע אידן, דאן קענט איר צוריק גיין, "ואתה" פה עמוד עמדי, אויב קען איך רעדן "דו", קענט איר בלייבן שטיין.

(ליקוטי אמרי חיים)

## א מעשה אויף די פרשה

### ואתם הדבקים בה' אלקיכם

אין ספר אוהל נפתלי ווערט דערציילט די פאלגענדע מעשה, אמאל האט זיך געמאכט אז די הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט געדארפט דורכפארן די שטאט פונעם גבאי צדקה פון ר' מאיר בעל הנס, ר' פנחס סאמעטער ז"ל, האט ר' פנחס זיכער געמאכט אז ער זאל זיך טרעפן מיטן הייליג'ן ראפשיצער רב. אבער דער ראפשיצער רב האט באפוילן זיין בעל עגלה אז ער זאל זיך בשו"א נישט אפשטעלן אינמיטן וועג, נאר ווען מ'דארף געבן צו עסן פאר די פערד.

ווען ר' פנחס האט באמערקט אז דער בעל עגלה וויל זיך נישט אפשטעלן, האט ער געהייסן פאר זיין בעל עגלה אז ער זאל מיטן וואגן פארשטעלן דעם וועג פונעם ראפשיצער רב'ס וואגן, אז ער זאל זיין געצווינגען זיך אפצושטעלן. ווען דער בעל עגלה האט דאס באמערקט, האט ער אנגעהויבן צו שרייען קולות, "ווי נעמט מען די חוצפה פון שטערן דעם וועג פארן צדיק, דעם ראפשיצער רב". אינמיטן האט ר' פנחס באוויזן אריינצושפרינגען אין וואגן פונעם ראפשיצער רב און געוויזן זיין קוויטל, און דער ראפשיצער רב האט אים אנגעוואונטשן און איז ווייטער געפארן פון דארט.

צוואנציג יאר זינט די מעשה, און פאר ר' פנחס האט זיך נישט איינגעגעבן צו פארן קיין ראפשיץ, נאך אזויפיל יארן האט ער ענדליך זוכה געווען צו פארן צום רב, ווען דער צדיק האט אים אויפגענומען האט ער מיט א שמייכל זיך אנגערופן "ברענגט א בענקל פאר ר' פנחס ער פארט שוין צוואנציג יאר קיין ראפשיץ, ער איז זיכער זייער מיד, זאל ער זיצן".

שבת צופרי ביי קריאת התורה האט דער רב איהם אויסגערופן צו די תורה, מיט זיין נאמען "פנחס אריה בן ר' יעקב הכהן" ווען ער האט זיך געוואונדערט פון וואו דער רבי' געדענקט זיין נאמען, האט אים דער צדיק געענטפערט אפילו די נאמען פון אייער מאמע געדענק איך גוט, ווייל ווען איך באגעגן א איד וואס געפעלט מיר מאך איך א סימן אז איך זאל אים נישט פארגעסן. פאר אייך האב איך געמאכט א סימן מיט'ן פסוק "ואתם הדבקים בה' אלקיכם", וואס איז בגימטריא "פנחס אריה בן שרה", און אזוי ווי ס'שטייט דאך "שויתי ה' לנגדי תמיד". איז מיר אייער נאמען פארבליבן אין זכרון.

*

### רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה

אין איינע פון די אידישע שטעט האט אמאל פאסירט אז דער גלח - זייענדיג א שונא ישראל, האט אנגעטראגן פארן קעניג, אז מען זאל פירן א וויכוח מיט די אידן אויף א וועג פון רמזים, מ'זאל נישט מעגן ארויסרעדן א ווארט פון מויל, מ'דארף זיך פארשטיין אויפ'ן ווינק, און ווען די אידן וועלן דורכפאלן, דארפן זיי ארויסגעטריבן ווערן פון די שטאט.

ווען די גזירה איז אנגעקומען צו די אידן, האבן זיי גוזר תענית געווען, און געבעטן פונעם בוכ"ע אז די גזירה זאל צושטערט ווערן, און דער גלח זאל באקומען א מיתה משונה.

אין יענעם טאג וואס דער וויכוח האט געדארפט פארקומען, איז דורכגעפארן א פשוט'ער בעל עגלה אינעם שטעטל, און דער בעל עגלה האט זיך אנגעטראגן אז ער וויל פירן דעם וויכוח מיט'ן גלח. קיין גרויסע אויסוואל ווער עס זאל דאס פירן איז סיי ווי נישט געווען, האט מען אים צוגעלאזט.

גלייך ווען דער וויכוח האט זיך אנגעהויבן,

האט דער גלח צום ערשט אויפגעהויבן זיינע צוויי פינגער, אלע האבן פארשטאנען אז דאס מיינט אז ס'איז ח"ו פארהאן צוויי באשעפער'ס (עפ"ל), האט דער בעל עגלה אויפגעהויבן איין פינגער, וואס דאס האט געדארפט מיינען אז ס'איז נאר פארהאן איין באשעפער, האט דער גלח געעפנט זיין האנט, און געוויזן פאר דעם איד א סימן, אז די אידן זענען אויסגעשפרייט בכל קצוי תבל. דער איד'ל האט אים געוויזן א צוגעמאכטע האנט, מיינענדיג דערמיט צו וויזן אז עס וועט נאך קומען א צייט וואס דער אייבערשטער וועט צוזאם נעמען די אידן. האט דער גלח ארויסגענומען רויטע וויין פון זיין טאש, אנצודייטן אז די אידן זענען פארפלעקט פון עבירות, וועלכע איז גלייך צו רויט. דער איד האט ארויסגענומען א שטיקל ווייסע קעז פון זיין טאשקע, מיינענדיג צו וויזן אז מיר קענען ווייס מאכן די עבירות דורך תשובה. דער גלח איז געבליבן מיט'ן צינג אינדרויסן, און די פארזאמעלטע האבן הילכיג אויסגעשאסן אין א געלעכטער, און דער גלח האט געהאט זיין פארדינטע מפלה.

ביי די סעודת הודאה וועלכע די אידן האבן געפראוועט לכבוד דעם נס, האט מען אויסגעפרעגט דעם איד, פון וואו ער האט אזוי גוט געוואוסט צו ענטפערן פארן גלח? האט ער זיי געענפערט, גאנץ פשוט. ער האט מיר געוויזן צוויי פינגער, דאס מיינט אז ער גייט מיר ארויסנעמען די צוויי אויגן, האב איך אים געוויזן איין פינגער. ווען ער האט מיר געוויזן זיין אפענע האנט, אז ער גייט מיר געבן א פראסק, האב איך אים געוויזן מיין פויסט, אז איך קען אים דערמיט דערלאנגען. ווען ער האט איינגעזעהן אז ס'וועט נישט גיין מיט בייזן, און מיך פרובירט משחד צו זיין מיט אביסל וויין, האב איך אים געוואלט צוריק געבן א מתנה, א שאכטל קעז. ערשט דאן זענען די שטאטלייט געוואר געווארן וואס פאר א נס עס האט פאר זיי פאסירט.

דער רב פון שטאט האט דערמיט אויסגעטייטשט דעם פסוק, "כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים", די גאנצע חכמה וואס די אידן האבן אקעגן די פעלקער, איז נאר דורך "אשר תשמעון את כל החוקים האלה", נאר דורך שמירת התורה והמצות, וואס דאס היט דעם איד אין זיינע שווערע זמנים.

*

## ושבת עד ה' אלקיך ושמעת בקולו

הגאון ר' שלום שוואדראן ז"ל פון ירושלים האט דערציילט, אז איינער פון די תלמידים פונעם חפץ חיים ז"ל האט זיך אמאל פורים שטארק אנגעטרינקן. זייענדיג היבש בגילופין האט ער זיך אריינגעריסן צום חפץ חיים אין שטוב, און פארפירט אז ער גייט נישט פון דא ארויס ביז דער רבי וועט אים צוזאגן אז ער וועט האבן די זכי' צו זיין צוזאמען מיט'ן רבי'ן אין גן עדן. מ'האט פרובירט מיט אלע כוחות אים ארויסצושיקן פון שטוב, אבער ס'איז נישט געגאנגען, ער רירט זיך נישט פון פלאץ.

צום סוף האט זיך דער חפץ חיים אנגערופן, איך בין מסכים צו דיין געדאנק, דו קענסט זיצן נעבן מיר אין גן עדן, אבער מיט איין תנאי, אזוי ווי די לעצטע זיבעציג יאר בין איך שטארק נזהר אפילו אין אבק לשון הרע, קען איך נישט זיצן אין גן עדן נאר נעבן אזא איינעם וואס איז אויך געווארענט דערין. אויב קענסטו זיך אינטערנעמען, בין איך מסכים. דער בחור איז דאס נישט געפאלן, און ער האט זיך שנעל ארויסגעזעהן פון רבינ'ס שטוב.

האט דער חפץ חיים אויסגעפירט, אז מ'וויל צוקומען צו "ושבת עד ה' אלוקיך" מוז זיין "ושמעת בקולו".

*

## כבד את אביך ואת אמך

די תלמידים פונעם יהודי הקדוש זי"ע וועלכע האבן געלערנט ביי זייער גרויסן רבי'ן, האבן שוין געוואוסט דעם דרך פון זייער רבי'ן אז ווען ער פארטיפט זיך אין א קשיא אין די גמרא, פארזוימט ער זיך אין א מורא'דיגע דביקות, און טאקע דערפאר איז אמאל איינער פון די תלמידים, וועלכער איז ל"ע געווען א יתום פון זיין טאטע, אוועקגעגאנגען פון שיעור, בשעת אזא דביקות, טראכטענדיג אז ער וועט נאר אויף איין מינוט גיין א בליק טון וואס זיין מאמע די אלמנה טוט, און גלייך נאך דעם צוריק קומען צום שיעור

זייענדיג ביי זיין מאמע האט זי אים געבעטן אז ער זאל ארויפגיין אויפ'ן בוידעם, און איר אראפברענגען א געוויסע זאך וואס זי האט געדארפט, מיט דעם אלעם וואס דער תלמיד האט געוואוסט אז "יעדע מינוט איז טייער פאר אים", און ער קען נאך אנקומען צום שיעור ווען דער רבי וועט שוין לערנען ווייטער, האט ער נישט אפגעזאגט די מאמע, נאר אויסגעפאלגט די מאמע'ס בקשה, און ערשט דערנאך צוריקגעגאנגען.

אנקומענדיג צום בית המדרש, האט אים אויסגעזעהן ווי ס'איז נאך שטיל, און דער רבי איז נאך אלץ פארטיפט אין זיין דביקות. אבער ווי נאר ער האט געעפענט די טיר, האט זיך דער יוד הקדוש אויפגעשטעלט פאר אים, און גלייך אויסגרופן, "יעצט איז מיר פארענטפערט געווארן די קשיא', און זיך מסביר געווען, 'ס'איז באקאנט אז דער אמורא אביי האט נישט געהאט קיין עלטערן, ווי די גמרא זאגט אין מסכת קידושין (ל"א), אז די ר"ת פון א'שר ב'ך י'רוחם י'תום איז אביי, און ער האט נישט געקענט מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם, דערפאר, ווער ס'איז מקיים די מצוה ווי ס'דארף צו זיין, באגלייט אים אביי, כדי צו האבן א חלק אין די מצוה, דעריבער ווען דער בחור - וועלכער האט יעצט מקיים געווען די מצוה - איז אריינגעקומען, און אביי איז מיטגעקומען מיט אים, האט ער מיר פארענטפערט די קשיא וואס איז מיר שווער געווען'.



# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

המדור הזה נתנדב ע"י מר"ה **יצחק ווייס** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## חמשה עשר באב

### שידוכים

### אינפארמאציע ביי א שידון

אזוי ווי אין דעם שבת געפאלט אויס חמשה עשר באב, א טאג וואס איז מסוגל צו שידוכים, דעריבער האבן מיר געשריבן פארשידענע הלכות און אנווייזונגען, וואס זענען שייך ביים געבן אינפארמאציע ביי א שידוך.

### א
### שאלה: איז דא א ענין עוסק צו זיין אין שדכנות?

די ספרים הקדושים שרייבן אז עס איז א גרויסע מצוה עוסק צו זיין אין שידוכים, און העלפן אז עס זאל קענען ווערן אויסגעפירט שידוכים, און דער שכר דערפאר איז זייער גרויס (שלחן העזר, ח"א סימן ג' ס"ק א').

עס שטייט אין מדרש, א קעניגן האט געפרעגט דעם הייליגן תנא רבי יוסי בר חלפתא, אין וויפיל טעג האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט, האט ער געענטפערט, אין זעקס טעג, האט זי ווייטער געפרעגט, און וואס טוט דער אייבערשטער פון דעמאלטס אין ווייטער, האט רבי יוסי געענטפערט, ער זיצט און איז מזווג זיווגים (מד"ר פרשת צו פרשת ח').

אויך שטייט אין די גמרא (כתובות כ"ח ע"ב, ועוד), אז פערציג טעג איידער א קינד ווערט באשאפן, רופט אויס א בת קול אין הימל און זאגט, בת פלוני לפלוני, די טאכטער פון דעם און דעם מענטש, איז פאר דעם און דעם.

זעהן מיר פון דעם, אז דער ענין פון שידוכים ווערט געפירט דורכן הייליגן באשעפער אליין, און דאס ווערט באשטעטיגט ביי די גאנצע פמליא של מעלה דורכן בת קול.

דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט געזאגט: אז יעדעס מאל ווען עס ווערט אויסגעפירט א שידוך דא אונטן, ווערט א גרויסע שמחה אין הימל, ווייל עס איז ערפילט געווארן דער רצון ה'.

קומט אויס אז דער וואס העלפט צו, אז עס זאל אויסגעפירט ווערן א שידוך, האט א חלק אינעם אויספירן דאס וואס דער אייבערשטער האט מזווג געווען.

עס ווערט דערציילט, אז רבי יהושע פון בעלזא זי"ע פלעגט זיך פירן, ווען עס פלעגט קומען צו אים א שדכן מציע זיין א שידוך פאר איינע פון זיינע קינדער, האט ער אים מכבד געווען מיט לעקעך און בראנפן, און ער האט געזאגט, די חז"ל זאגן דאך אז "הקב"ה יושב ומזווג זיווגים", דערפאר ווען עס קומט א מענטש און ער איז עוסק אויס צו פירן דעם אייבערשטנס שליחות, קומט אים א כיבוד (עזר מקודש עמוד מ"א).

אזוי אויך ווערט דערציילט אז דער חזון איש זצ"ל איז אמאל געגאנגען אנטראגן א שידוך, און ער האט געזאגט "לאמיר גיין עוסק זיין מיט דעם וואס דער אייבערשטער עסקנ'ט זיך".

ווי באקאנט זענען געווען גדולי הדור וואס האבן עוסק געווען מיט שדכנות, און אזוי ווערט געברענגט אז דער מהרי"ל האט שטענדיג עוסק געווען אין שדכנות, און דאס איז געווען זיין עיקר פרנסה (מנהגי מהרי"ל, חנוכה אות א').

עס איז אינטערעסנט אנצומערקן, אז עס ווערט געברענגט אז דער מהרי"ל פלעגט זיך צו פירן, אז ווען עס איז געבוירן געווארן א מיידל אין זיין שטאט, פלעגט ער גיין און זעהן דאס קינד, און ווען זי איז אנגעקומען אין די יארן פון שידוכים, פלעגט ער זיי אנטראגן פאר בחורים, און בשעת'ן אנטראגן האט ער גערעדט בשבח פון מיידל, און צוגעלייגט אז ער קען איר פערזענליך, נישט נאר על ידי שמיעה, נאר אויך על ידי ראיה, און אזוי האט ער אויסגעפירט זייער אסאך שידוכים.



חברה קדישא דקהל אור החיים
רחוב בית הלוי
קרית טאהש יצ"ו

La Communaute Juive de Boisbriand
2 Ave Beth Halevy Boisbriand, Quebec, J7E 4H4
430-6380 430-6381

בס"ד, ה' פרשת דברים תשפ"ה

זמנים פאר נשים ביים ציון הקדוש

**חשוב'ע נשים צדקניות**
כדי צו היטן אויף די גדרי צניעות, איז באשטימט געווארן
**ספעציעלע זמנים פאר די חשובע נשים מתפלל צו זיין ביים ציון הקדוש**
ווי פאלגענד:

**מיטוואך ראה, כ"ו אב**
**פון 10:00 ביז 5:30 נאכמיטאג**

**ווערט זיין ערלויבט 'בלויז פאר נשים'**
**צו זיין ביים בית החיים**
און מענער וועלן נישט אריינגעלאזט ווערן אינעם גאנצן ביה"ח
מיטוואך פון 9:15 אינדערפרי ביז 6:30 מיטאג

פון מיטוואך נאך 5:30 זענען פרויען נישט ערלויבט ארויפצוקומען צום שטח הביה"ח

דעם גאנצן יום ההילולא אנגעהויבן פון מיטוואך 6:30 אווענט
ביז פרייטאג 9:00 אינדערפרי
**וועלן 'בלויז מענער' קענען ארויפקומען צום ציון.**

די חשובע **פרויען** זאלן היטן די ספעציעלע אויבנדערמאנטע **זמנים**
און די חשובע **מענער** זאלן בשום אופן נישט גיין אין די **פרויען זמנים**

גדענקט אנצוהאלטן די גדרי הקדושה, ווי עס פארלאנגט זיך ביי אזא מקום קדוש, ובפרט איבערדעקן דעם קאפ, און נישט גיין מיט קיין דורכזיכטיגע שטרימפ ח"ו, און נישט ארויסנעמען קיין סמארטפאון.

בזכותו הגדול פון הייליגן רבי'ן זי"ע זאלן די אלע תפילות נתקבל ווערן לרצון
**און יעדער זאל אויס'פועל'ן אלעס גוטס.**
**חברה קדישא דקהל אור החיים ד'טאהש**

## ב
## שאלה: ווער עס איז נישט געאייגנט צו זיין א שדכן, וויאזוי קען ער זוכה זיין צו די שכר פון א שדכן?

אזוי ווי עס איז א מצוה עוסק צו זיין אין שידוכים, אזוי אויך איז א מצוה צו העלפן אז עס זאל זיך קענען אויספירן שידוכים, דורך געבן גוטע אינפארמאציע, און דורכדעם האט מען א חלק אינעם אויספירן דעם שידוך, און מען באקומט די שכר פון א שדכן.

און פון די אנדערע זייט דארף מען צו וויסן, אז ווען איינער גיט ח"ו שלעכטע אינפארמאציע, און דורך זיינע דיבורים איז ער ח"ו מבטל א שידוך, האט ער צושטערט דערמיט דעם אייבערשטנס ארבעט, און ער האט מבטל געווען דעם בת קול וואס האט אויסגערופן אין אלע עולמות "בת פלוני לפלוני", און די אחריות איז זייער גרויס, ער האט זיך אריין געמישט אין א זאך וואס באלאנגט צום הייליגן באשעפער, און ווער ווייסט וואס פאר א שטראף עס ווארט אים.

דעריבער דארף זיך יעדער מתבונן זיין, ווען מען פרעגט אים אינפארמאציע, אז זיינע ווערטער זאלן ח"ו נישט זיין א גורם אז דער שידוך זאל נישט ווערן, נאר זיינע ווערטער דארפן זיין אויסגעהאלטן על פי תורה, און ער טאר נישט ענטפערן כפי העולה על רוחו.

## ג
## שאלה: דארף מען זיך מונע זיין צו פרעגן אינפארמאציע אלץ חשש אז מען וועט אפשר געבן שלעכטע אינפארמאציע און מען איז מכשיל צו רעדן לשון הרע?

די גמרא זאגט "אסור לו לאדם לקדש אשה עד שיראנה" א מענטש טאר נישט מקדש זיין א פרוי, ביז ווען ער זעט איר, "שמא יראה בה ערות דבר ותתגנה עליו" ווייל אפשר וועט ער דערנאך זען עפעס אויף איר, און זי וועט פארמיאוסט ווערן אין זיינע אויגן.

צוליב דעם זעלבן טעם זאגט די גמרא אז "מתון נסיב איתתא", דאס מיינט פאר דו נעמסט א פרוי זאלסטו זיין געלאסן, מברר צו זיין אירע מעשים, און צו זי האט נישט קיין שלעכטע מדות אדער שלעכטע נאטורן א.ד.ג., דאס מיינט אז איידער מען טוט א שידוך זאל מען זיך גוט נאך פרעגן (יבמות דף ס"ג ע"א וברש"י) ביי מענטשן און גוטע פריינד, איבער די מעלות און חסרונות פון די בחור, אדער פון די מיידל, און אויף אלע זאכן וואס זענען גילטיג ביי א שידוך, כדי מען זאל נישט צו קומען צו עגמת נפש נאך די חתונה, און מען זאל זיך נישט פארלאזן אינגאנצן אויפן שדכן.

הרה"ק רבי יצחק מנחם פון אלכסנדר זצ"ל האט געזאגט: א שדכן טאר מען גאר נישט גלייבן, נאר אז יענער האט א זוהן, און דער אנדערע האט א טאכטער, און נישט מער.

און אזוי פסקנ'ט דער חפץ חיים אז מען זאל זיך נישט אפהאלטן פון פרעגן אינפארמאציע אלץ חשש אז אפשר וועט מען זאגן חסרונות וואס זענען לשון הרע, וויבאלד די מטרה איז נישט צו רעדן, אדער צו הערן לשון הרע, נאר דאס איז א תועלת פארן שידוך (חפץ חיים, ח"א כלל ד' סי"א).

און אויב עס איז א תועלת מעג מען פרעגן אפילו אסאך מענטשן, און אפילו דורך א שליח, און מען דארף נישט חושש זיין וועגן לשון הרע, וויבאלד דאס איז לתועלת השידוך.

און כדי נישט נכשל צו ווערן אין לשון הרע, דארף מען איידער מען פרעגט אינפארמאציע זאגן אז דאס פרעגן איז וועגן אינפארמאציע פאר א שידוך, כדי נישט מכשיל צו זיין דעם אינפארמאציע זאגער מיט רעדן לשון הרע, ווייל אויב מען זאגט חסרונות אויף א מענטש אן קיין תועלת איז דאס לשון הרע, אפילו ווען למעשה איז דאס געווען פאר א שידוך, וויבאלד ער האט נישט געוויסט דערפון (חפץ חיים שם).

**באמערקונג**

כאטש מען מעג הערן ביי א שידוך אזעלכע חסרונות וואס זענען לתועלת, אבער מען טאר זיי נישט אן נעמען אז עס איז זיכער אמת, מען מעג דאס אן נעמען נאר פאר א חשש (חפץ חיים שם).

מען טאר נישט זאגן פאר קיינעם, אפילו פארן שדכן, אדער פאר זיין משפחה א.ד.ג., אז דער שידוך איז נישט געווארן צוליב די און די חסרון, נאר מען זאל זיך ארויס דרייען מיט אנדערע תירוצים.

דאס זעלבע דארף דער שדכן אכטונג געבן, אז אויב ער האט זיך דערוויסט וועגן וואס פאר א חסרון זיי ווילן נישט דעם שידוך, אז ער זאל דאס נישט איבער זאגן פארן צווייטן צד, ווייל דאס איז רכילות, נאר ער זאל געבן א אנדערע אויסרייד פארוואס זיי ווילן נישט דעם שידוך.

## ד
## שאלה: וואס דארף מען אכטונג געבן ווען מען זאגט גוטע אינפארמאציע, מען דארף זאגן דעם גאנצן אמת?, אדער מען קען זאגן ליגנט, אדער מגזם זיין?

ווען מען פרעגט אינפארמאציע, דארף מען ארויסברענגען די מעלות קלאר, און מיט א זיכערקייט, ווייל מען בויעט שטארק אויף יעדע ווארט, און אפילו אויף יעדע תנועה וואס מען טוט, אמאל קען מען צו שטערן א שידוך בלויז מיט א דריי מיט די נאז (והמליצו בזה "כי באפם הרגו איש").

מען טאר אבער נישט זאגן קיין ליגנט אפילו ווען מען פרעגט אינפארמאציע (הנהגת הצדיקים ח"א דף קפ"ט, בהנהגות רבי יונה לאנד סופר מפראג זצ"ל אות כ"ח).

אבער מען מעג אביסל מגזם זיין (עפ"י רש"י כתובות ס"ו ד"ה וכנגד), למשל ווען מען פרעגט אויף א אלגעמיינער בחור, צי ער איז א בעל מדות, זאל מען נישט ענטפערן איינפאך, ער האט גוטע מדות אזוי ווי אלע אנדערע בחורים, אדער ער איז גאנץ א פיינער בחור, נאר מען דארף ענטפערן מיט א זיכערקייט, ער האט זייער גוטע מדות, ער פארטראגט זיך מיט יעדן, יעדער האט אים ליב א.ד.ג., און כאטש עס איז נישט אינגאנצן אזוי, ווייל דער סדר ביי מענטשן איז, אז אויב מען זאגט נישט אזעלכע ווערטער, נעמט מען דאס אן ווי ער איז זייער שוואך.

דאס זעלבע איז ווען מען פרעגט צי ער האט א גוטן קאפ, צי ער איז א תלמיד חכם, און א ירא שמים, אזוי אויך איבער זיין קלוגשאפט און חכמה, זיין התנהגות, און זיין התמדה א.ד.ג., זאל מען זאגן, אז ער האט אלע מעלות, ער איז פון די מצויינים א.ד.ג.

דאס זעלבע איז אויך ווען מען אינטערעסירט זיך אויף א מיידל, אז מען

דארף זאגן דאס בעסטע אינפארמאציע, און מיט א זיכערקייט.

## ה
## שאלה: אויב מען ווייסט פארשידענע שלעכטע אינפארמאציע, און מען טראכט אז דאס איז נישט א פאסיגע שידוך, און אויב דער שידוך וועט ווערן, קען ארויס קומען דערפון א רעה, מעג מען דאס זאגן?, אדער דארף מען זיך צוריק האלטן פון זאגן צוליב לשון הרע?

כאטש מען טאר נישט רעדן שלעכטס אויף א צווייטן, ווענן דעם הארבן איסור פון לשון הרע, פונדעסטוועגן שרייבן די פוסקים, אז ווען מען פרעגט אינפארמאציע ביי א שידוך, אויב מען ווייסט אז עס קען ארויס קומען דערפון א רעה אויב מען זאגט נישט דעם אמת, איז מען מחויב צו זאגן, און דאס הייסט נישט קיין לשון הרע, וויבאלד דאס איז לתועלת פונעם שידוך (חפץ חיים ח"ב כלל ט' ס"א).

נאך מער שרייבן די פוסקים, אז אדרבה מיטן שווייגן איז מען עובר אויף "לא תעמוד על דם רעך", און אויף די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", אבער דאס איז נאר ווען עס ווערט אויסגעפירט די קומענדיגע תנאים (שו"ת תשובות והנהגות ח"א סימן תקנ"ח).

א] צום אלעמען ערשט דארף מען צו וויסן אז די חסרונות זענען זיכערע, און מען דארף זיך גוט מתבונן זיין, צי עס איז טאקע נישט א פאסיגע שידוך, ווייל אפשר דאכט זיך עס אים נאר.

ב] אויב מען איז נישט זיכער, נאר מען האט דאס געהערט פון א צווייטן, טאר מען דאס נישט זאגן, וויבאלד מען וועט דאס אן נעמען פאר זיכער, און דער שידוך וועט ווערן צושטערט (חפץ חיים כלל ט' ציור ג' אות י').

ג] אפילו ווען מען איז שוין איבערצייגט אז עס איז טאקע נישט קיין פאסיגע שידוך, דארף מען אכטונג געבן צו זאגן נאר וואס עס איז אמת, מען טאר נישט צולייגן אדער גרעסער מאכן יענעמס חסרונות.

ד] מען דארף אינזין האבן, אז מען וויל נישט רעדן שלעכטס אויף יענעם, ווייל דאס איז לשון הרע, נאר מען טוט דאס דערפאר, כדי מציל צו זיין יענעם פון א זאך וואס עס קוקט אים אויס אז עס איז נישט פאסיג פאר אים, און נישט ח"ו פאר אנדערע חשבונות.

ה] אויב מען קען זיך ארויס דרייען פון צו זאגן זיינע חסרונות, און זען אויף א אנדערע וועג אז דער שידוך זאל נישט געשען, דארף מען אזוי טאן.

ו] אויב מען ווייסט עטליכע חסרונות, אבער עס פעלט נישט אויס צו זאגן אלע, טאר מען נישט זאגן נאר וויפיל עס פאדערט זיך פאר די אינפארמאציע, אזוי אויך טאר מען נישט זאגן אזעלכע חסרונות וואס זענען נישט שייך פארן שידוך (שו"ת תשובות והנהגות ח"א סימן תקנ"ח).

ז] נאכדעם וואס מען האט געשלאסן דעם שידוך, טאר מען נישט זאגן קיין שום שלעכטע אינפארמאציע, אויך טאר מען נישט זאגן אז יענער האט זיך געוואלט משדך זיין מיט מיר, און איך האב נישט געוואלט (ספר חסידים אות קל"ט).

צום שלוס: עס שטייט אין די הייליגע ספרים אז אין חמשה עשר באב איז א פאסיגע צייט אויסצובעטן גוטע שידוכים, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די תפלות זאל מקיום ווערן.




המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **שמואל קרויס** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום

ווען דער הייליגער בני שלשים זי"ע האט געוויילט אויף די זומער אין הארשפאלוואו, האט ער באמערקט אין די טעג פון פרשת ואתחנן, ווי אן עלטערע איד, א גרויסער עם הארץ, בשעת ער דרייט ארום די רצועות פון די תפילין של יד אויף זיין האנט, זאגט ער די פסוק 'ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום', די פסוק האט זיבן ווערטער, ביי א יעדע דריי מיט די רציעה האט ער געזאגט נאך א ווארט פון די פסוק, און די עולם ארום וואס האט דאס מיטגעהאלטן האבן געלאכט פון דעם איד.

ווען עס איז געקומען יענע שבת האט דער בני שלשים געזאגט תורה אויף די פסוק פון ואתם הדבקים, און ער האט געזאגט א טיפע דרוש אויף דעם, און ער האט מגלה געווען סודות נסתרות אויף די כוונת מצות תפילין וואס איז מרומז אין די פסוק.

ווען עס איז געקומען פורים האט זיך דער גבאי ר' נטע ווייס ז"ל זיך אויפגעשטעלט, און איבער געגאנגען אויף חרוזים אלע דברי תורה וואס דער בני שלשים האט געזאגט דורכאויס די יאר מידי שבת בשבתו, ווען ער איז אנגעקומען צו פרשת ואתחנן האט ער אנגעהויבן גראמען, "זאלן מיר זיך דערמאנען, וואס דער רבי האט געזאגט פרשת ואתחנן", און ער האט אנגעהויבן איבערגיין די גאנצע תורה אויף די כוונת מצות תפילין, אויף די פסוק ואתם הדבקים.

ווען דער בני שלשים האט געהערט די גראמען אויף פרשת ואתחנן איז ער געווארן בלאס, און כטוב לב המלך ביין האט ער גענומען אן "האלאפטשע" און געווארפן אויף ר' נטע און זיך אנגערופן "האסט שוין גענוג אויסגעזאגט".

*

הרה"ק מ'קאברין זי"ע האט זיך אמאל צושריגן די פסוק פון די וואכעדיגע סדרה "דבר אתה עמנו ונשמעה, ואל ידבר עמנו אלקים פן נמות", און האט אויסגעפירט מיט גרויס דביקות "וואס איז דען דא מער, ווי אויסגיין פאר השי"ת", און ער איז אראפגעפאלן פון גרויס דביקות און גע'חלש'ט.

שפעטער האט דער קאברינ'ער מסביר געווען זיינע דיבורים, אז דער אייבערשטער האט אויבן אין הימל אסאך מלאכים ושרפים וואס זינגען פאר אים שירה, און דורך די שירה גייען זיי אויס פאר'ן אייבערשטען און זיי ווערן בטל, און זייער זיעה וואס זיי האבן ארויסגעגעבן פון זייער גרויס פחד, רינט צום נהר דינור וואס דאס איז א שטיק פייער. און דער אייבערשטער האט אויך באשאפן די וועלט ווייל ער האט געוואלט מגלה זיין זיין גדלות און זיין מלוכה אויף די וועלט דורך די עבודה פון די אידישע קינדער, אבער די אידן האבן מורא געהאט אז זיי גייען אויסגיין פאר'ן אייבערשטן און שטארבן, און זיי גייען מער נישט קענען ממלא זיין די רצון השם, וועגן דעם האט זיי משה רבינו געזאגט "אל תראו כי לבעבור נסות אתכם בא האלקים", דער אייבערשטער וויל ענק נאך האבן אויף דעם וועלט, און אפילו מען באקומט זייער הויכע מדרגות, באקומט מען אויך די כוחות עס צו קענען דורכטראגן, אזוי ווי צדיקים פלעגן זאגן אז ווען די אייבערשטער שענקט פאר איינעם א גרויסע הארה אדער השגה, באקומט ער מיט דעם אויך די כלים צו קענען מקבל זיין די הארה.

און נאכדעם האט די קאברינער אויסגעפירט "און וואס טאקע דארפן מיר מער ווי דעם, וועלכער קינד וויל דען נישט גיין צום טאטן, ווען דער טאטע רופט איהם צו זיך".

בס"ד

יומא דהילולא קדישא
של מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א
פק"ק קרית טאהש יע"א
ז"ך אב תשפ"ה
פועל'ט אויס אלעס גוטס

# אכטונג

מיר בעטן בכל לשון של בקשה פון אלע צדקה גייער'ס:

ביטע נישט גיין נאך געלט אינעם שטח פונעם ציון הקדוש
און אודאי

## נישט נאכלויפן און עקסטער באמוטשען דעם ציבור.

די וועלכע האבן באשטעלט טענטס, זאלן שטיין נאר אויף זייערע באשטימטע פלעצער אויפן וועג ארויף צום ציון הקדוש.

באזונדער ווערט מען געבעטן צו האלטן דעם שטח הבית החיים בכבוד הראוי בהרדת קודש.

### מכאן הקריאה יוצאת

שנו מדות: דער הייליגער רבי איז דאך געווען דער ריכטיגער עמוד הצדקה והחסד

דער ציבור זאל זיך משתתף זיין בלב טוב וברוח נדיבה פאר די צדקה צוועקן וועלכע פאלגן אויס די אנווייזונגען לע"נ הטהורה של רביה"ק זי"ע

פועל'ט אויס אלעס גוטס
המסדרים

# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **ישכר בער לייפער** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' מנחם נחום נ"י לעותהו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם!!

אידישע קינדער טרייסטן זיך ווייל דער רבוש"ע האט צוגעזאגט אז ער וועט אונז שוין בקרוב אויסלייזן פונעם פינסטערן גלות, איז לאמיר זעהן וואס עס האלט אפ די גאולה שלימה.

דער הייליגער רב ייבי פון אוסטראה האט אמאל געהאט א ויכוח מיט'ן הייליגן רבי פנחס'ל מ'קאריץ זי"ע, רב ייבי האט גע'טענה'ט אז די עיקר עבירה וואס האלט אפ די גאולה שלימה איז אז מ'רעדט אין ביהמ"ד ביים דאווענען, און ר' פנחס'ל האט געזאגט אז די עיקר עבירה וואס האלט אפ די גאולה שלימה איז אז אידישע טעכטער פירן זיך נישט בצניעות.

האט מען אפגעמאכט אז מ'גייט עפענען א חומש וועט מען זעהן ווער עס איז גערעכט, האט מען געעפנט א חומש בראשית, האט זיך אויפגעמישט די פסוק 'הכזונה יעשה את אחותינו', האט מען געזען אז ר' פנחס'ל איז גערעכט, האט רב ייבי געוויזן אז מ'זאל קוקן אין תרגום יונתן אז ס'שטייט 'לא יאי למיהוי מתאמר בכנישתהון דישראל', וואס דאס קען זיין א רמז, אז מ'טאר נישט רעדן אין ביהמ"ד, האט מען געזען אז רב ייבי איז אויך גערעכט.

זעהן מיר פון דעם די הארבקייט פון חלילה רעדן אין ביהמ"ד בשעת'ן דאווענען

און ווי פארשטענדליך, איז די זעלבע אויב אידישע טעכטער קומען חלילה אין ביהמ"ד נישט בצניעות, איז דא ביידע עבירות רח"ל, סיי די עבירה פון נישט גיין בצניעות און סיי מ'פארשעמט די ביהמ"ד.

דעריבער לאמיר זיך שטארקן און אפהיטן די קדושה פון ביהמ"ד, נישט חלילה רעדן ביים דאווענען און קריאת התורה, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צו זעהן בנחמת ציון וירושלים, במהרה בימינו אמן.



# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיוהדה"ל חל בשבוע הבעל"ט

המדור הזה נתנדב ע"י מר"ה **ישראל מאיר ראטענבערג** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' יושע ני"ו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## הרה"ק רבי אלכסנדר סענדר מקאמארנא זי"ע

**דעם קומענדיגן עש"ק עקב, כ"א מנחם אב הבעל"ט געפאלט אויס די יודהל"ק פון הרה"ק רבי אלכסנדר סענדר בן הרה"ק רבי יצחק אייזיק אייכנשטיין מ'קאמארנא זי"ע בעל מחבר ספר "זכרון דברים", מען האט אים גערופן בלשון חיבה רבי סענדר'ל.**

### ואלה מתולדותיו

רבי סענדר'ל איז געבוירן געווארן צו זיינע עלטערן, זיין הייליגע פאטער הרה"ק רבי יצחק אייזיק אייכנשטיין זי"ע, און צו זיין מוטער הרבנית הצדקית הינדא ע"ה, אינעם שטאט סאפרין וואס איז אין גאליציע, און ער איז געווען שטאט'ס רב אין זידיטשוב, ראוונע, און אין קאמארנא.

דער דערמאנטער רבי יצחק אייזיק מ'סאפרין, איז געווען א זון פון הרה"ק רבי צבי זי"ע, א זון פון הרה"ק רבי אלכסנדר זי"ע.

אין ספר זקן ביתו שרייבט דער אייניקל הרה"ק רבי אליעזר צבי מ'קאמארנא זי"ע (פ"א מ"ד), אז ווען רבי אלכסנדר (זקינו של רבי סענדר'ל) האט געוואוינט אינעם שטאט סטעבניק, וואס איז נאנט צום שטאט דרוביטש, זענען שטענדיג איינגעשטאנען דארטן גדולי הדור, צדיקים, און רבנים, וועלכע זענען געזיצן אינאיינעם פאר לאנגע שעה'ן ברציפות, פאר 4-5 שעות און זיך מתעמק געווען בתורה הק' ובעבודת השי"ת, צוזאמען בפלפולי דאורייתא, און עקסטער האט דער רבי אלכסנדר געלערנט מיט זיי א יעדן טאג כאטשיג איין שעה תורה וחסידות, רזין דלעילא.

און דורכדעם האט ער זוכה געווען צו האבן די אייניקלעך וועלכע האבן פארשיינט די וועלט מיט זייער לעכטיגע אור, די צדיקי הדור לבית זידיטשוב - קאמארנא.

כ"א מנחם אב אין יאהר תקע"ח לפ"ק מוצשב"ק האט רבי סענדר'ל אויסגעהויכט זיין לויטערע נשמה לחיי עולם הבא.

זייענדיג אין קאמארנא, האט רבי סענדר'ל זיך געזעגנט מיט די משפחה, און געזאגט אז ער פארט נסתלק ווערן קיין אונגארן. און ער איז געקומען לקבורה אינעם שטאט אוהעל – אונגארן.

ביי די לוי' האט מספיד געווען דער מרא דאתרא דער הייליגער ישמח משה זי"ע, ווי ער האט דערביי געבעטן פון רבי סענדר'ל זאל מעורר זיין רחמים אויף אים איבער די רדיפות וואס ער האט בימים ההם געליטן פון די מתנגדים, און והיה לפלא אז רבי סענדר'ל האט געציטערט עטליכע מאל, אזוי ווי ס'איז געווען דרכו בקודש בחיים, ווען מ'האט זיך פאר אים מזכיר געווען.

אינעם אהל הקדוש אין איהעל, ליגן עד היום די צוויי קדושים וטהורים הרה"ק רבי סענדר מקאמארנא זי"ע און הרה"ק בעל ישמח משה זי"ע.

## זיינע אינגע יארן

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"ז אב | הרה"ק רבי אברהם אביש בן רבי יעקב זצ"ל פיש | תר"ד |
| כ"א אב | הרה"ק רבי אלכסנדר סנדר בן רבי יצחק אייזיק זי"ע - מ'קאמארנא - זכרון דברים | תקע"ח |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ט"ז אב | הרב החסיד ר' מרדכי בן ר' אברהם יודא ע"ה ווייס<br>מגדולי תומכי מוסדותינו הקדושים - לא הניח אחריו זש"ק | תשס"א | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ט"ז אב | הרב החסיד ר' שמואל מאיר בן ר' אהרן משה ז"ל לייפער<br>חדב"ן הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער זי"ע | תשס"ח | ביה"ח ניו דזערסי (קאסאן) |
| כ' אב | הרב החסיד ר' בנימין בן ר' אברהם שמואל ע"ה פיליפסון | | |

איבער די גרויסקייט און הייליגקייט פון רבי סענדר'ל אין זיינע יונגע יארן, ווערט דערציילט דורך זיין זון הרה"ק רבי אייזיק'ל מ'קאמארנא זי"ע (בהקדמה לספר זכרון דברים) אז ווען רבי סענדר'ל איז אלט געווען בלויז 7 יאר, האט ער שוין געקענט הני תלת בבא קמא, מציעא, ובתרא, און עס איז געווען ביי אים שגור בפיו, און ער האט געקענט זאגן און פונקטליך אנווייזן וועלכע שיטה פון וועלכער בעל מימרא ס'קומט.

רבי סענדר'ל איז געווען א גאון עצום ורב, בקי וחריף בש"ס ופוסקים בנגלה ובנסתר. זיין זון'ס ברודער הרה"ק רבי יודא צבי מ'ראזלא זי"ע, איז געווען א תלמיד פון רבי סענדר'ל, און זיי האבן אינאיינעם געלערנט תורת הנגלה.

רבי סענדר'ל איז געווען געוואוינט צו זיצן יומם ולילה אין ביהמ"ד, מעוטף בטלית ותפילין, הארעווענדיג על התורה והעבודה, און זיין פנים האט שטענדיג געלאכטן פונעם אור התורה, זיין הארץ איז געווען א ברענעדיגער פייער צו תורה ועבודה מיט מסירות נפלאה.

דער הייליגער עטרת צבי זי"ע האט זיך אמאל אנגערופן: "ווען מיין ברודער רבי סענדר'ל טוט א מצוה, שפירן ביי אים אפילו די פיס א חיות רוחני". (וואס ווי באקאנט איז די פיס, די עקביים די גאר נידריגסטע בחינה).

## עבודתו בהתפשטות הגשמיות

דער זון פון רבי סענדר'ל, רבי אייזיק'ל מ'קאמארנא זי"ע, ברענגט אין זיין ספר נתיב מצותיך, אז זיין טאטע רבי סענדר'ל, האט איינמאל "פארגעסן" צו עסן פון מוצאי שבת ביז דאנערשטאג, ווען זיין תלמיד הרה"ק מ'ראזלא זי"ע האט געפרעגט פון זיין רבי, רבי סענדר'ל פשט הדברים, פארוואס ער האט נישט געגעסן, האט רבי סענדר'ל געענטפערט, איך האב בכלל נישט געהאט קיין פלאן צו פאסטן אין די עטליכע טעג, נאר איך האב "פשוט פארגעסן" צו עסן, און ווען איך וואלט געדענקט וואלט איך ווען יא געגעסן.

זעען מיר די גרויסע מדריגות און הייליגקייט, און זיין התפשטות הגשמיות, און ווי ער איז געליגן א גאנץ לעבן אין א תענוג רוחני פון בלויז שפירן א חיות אין עבודת השי"ת.

## בנו ותלמידו

רביה"ק זי"ע דערציילט אין עבו"ע (שיח"ק ח"ג עמוד ה'), אז ווען רבי סענדר'ל האט געהאט זיין קינד רבי אייזיק'ל למז"ט, איז מיטגעקומען א מורא'דיגע לעכטיגקייט, א גרויסע אור, און ווען רבי סענדר'ל האט געזען די אור אז ער האט ב"ה זוכה געווען צו דעם לעכטיג קינד, האט ער לכבוד דעם אפגעראכטן א סעודה פאר 3 טעג אינעם שטאט סאמבור ווי ער האט דעמאלטס געוואוינט, ביי די טעגליכע סעודות אין די 3 טעג האבן זיך אנגעזאמלט, חסידים ואנשים מכובדים, ווי אויך צווישן זיי הרה"ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע.

אינעם טאג פון דעם שלישי למילה, איז אנגעקומען אינעם שטאט סאמבור א צדיק וקדוש, אחד מתלמידי הבעש"ט און אלע שטאטסלייט זענען געגאנגען געבן שלום און מקבל זיין ברכות פונעם גרויסן גאסט וואס איז געקומען צו זיי אין שטאט.

איז אויך רבי סענדר'ל געגאנגען מיט'ן ניי געבוירן קינד, צו נעמען ברכת תלמיד חכם, ווען דער צדיק האט ארויפגעלייגט זיינע הענט אויפ'ן קאפ פונעם קינד צו אים בענטשן, האט דער צדיק אנגעהויבן צו שרייען קולי קולות און געזאגט: "אוי האט דאס קינד א נשמה גדולה, מוח גדול, און דו זאלסט נישט מורא האבן אז עס קען אים שאטן פאר א עין הרע, נאר דאס קינד וועט מאריך ימים זיין, און וועט נאך באשיינען די וועלט..."

## זיינע הויעכע מדריגות

רבי אייזיק'ל זי"ע שרייבט אין מגילת נסתרים אז אויפ'ן קבר פון זיין טאטע רבי סענדר'ל איז דא יעדן ערשב"ק נאך חצות אן עמוד של אש וועלכע ברענט עד לב השמים.

רבי סענדר'ל איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע, און לאחר פטירתו פון רבי סענדר'ל, איז דער חוזה געקומען אין חלום צו איינע פון זיינע תלמידים חביבים, און מעיד געווען, אז רבי סענדר'ל איז געווען איינע פון די ל"ו צדיקים פונעם דור.

**זכותו יגן עלינו ועל**
**כל ישראל אמן**


# ביהמ"ד אהל מרדכי ד'טאהש

קרית יואל

גמילת חסדים - התאחדות אברכים | עוזר וסומך - חברת תהלים

נתייסדה ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זי"ע | בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

34 Satmar Drive, Monroe New York 10950 (845) 782-2498

בעזהשי"ת

## ברוך הבא בשם ה'

בהדרת כבוד מקבלים אנו בברכה, את פני כבוד אורחינו הגדול, רב האי גאון וצדיק מפורסם לשם ולתהלה, מעמודי הוראה בדורינו, מעמיד תלמידים הגונים וישרים הכהן הגדול מאחיו, חסידא ופרישא, נהורא נפישא

## כ"ק גאב"ד טאהש מאנסי שליט"א

חדב"ן כ"ק מרן **רבינו הקדוש** זי"ע

**אשר בא לשבות לעשות את השבת בתוכינו**

**שב"ק פר' ואתחנן-נחמו הבעל"ט**

לרגל השמחה במעון קדשו

**'פירות טיש' ליל שבת קודש:**

בבית מדרשינו בחדר נפתלי בשעה 12:30

**סדר 'סעודת שלישית':**

בהיכל בית מדרשינו ברוב עם הדרת מלך

**תפילת מנחה 20 מינוט אחר זמן הדלה"נ**

יהא בואו לברכה והצלחה להרמת קרן התורה והחסידות

המקבלים פניו בכבוד והערצה

**הנהלת בית המדרש - הגבאים**


יומא דהילולא קדישא
באסעס
וועלן אי"ה פארן צום
יומא דהילולא קדישא
ז"ך אב הבעל"ט אין קרית טאהש
פרייז:
$160
ראונד טריפ
די באסעס וועלן ארויספארן אי"ה
מיטוואך ראה צופרי
פון בארא פארק - וויליאמסבורג
מאנסי - קרית יואל
און וועט צוריקפארן
דאנערשטאג
נאך אמירת יזכ"ק ותפלת מנחה
ומסיבת לחיים
פאר רעזערוואציע רופט שוין
347.450.8674
אויב קיין ענטפער ביטע לאזן
א מעסעדזש
אדער אויף קול איחוד טאהש
718.451.8674 עקס. 15
פועל'ט אלעס גוט'ס


יומא דהילולא קדישא
- של מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א -
פק"ק קרית טאהש יע"א
- ז"ך אב תשפ"ה -
פועל'ט אויס אלעס גוטס
מתכוננים אנו לקראת יום הישועות
הילולא קדישא ז"ך אב
יום ה' פר' ראה תשפ"ה הבעל"ט
בהתאסף ראשי עם יחד אלפי שבטי ישראל
הנוסעים בטירחא דגופא שעות ארוכות מכל קצבי תבל לעלות ולהתפלל על ציון קדשו
של בעל הילולא רבינו הקדוש זיעועכי"א בהאי יום המסוגל
הננו נותנים הזדמנות פז לפני הנדבנים החשובים לקנות
זכותים נשגבים
לכבוד ולעילוי נשמתו הטהורה של רבינו הקדוש
מרן משולם פייש בן הרה"ק מרן מרדכי וצירל זצוקללה"ה
עלי' לציון הקדוש
$26.000
שלחן הטהור סעודת הילולא
$26.000
תפלת ערבית
$7.200
תפלת שחרית
$7.200
תפלת מנחה וסדר יו"כ קטן
$10.000
אש"ל
$3,600
מסיבת לחיים
$3,600
קבלת קהל
$3,600
סעודות לאורחים
$3,600
טעימה קלה ומשקאות
$3,600
צידה לדרך
$3,600
ליטול חלק ולקנות זכות נא לפנות אל העסקן הדגול
מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו, משב"ק
514-651-4174
נדיבי לב קנו לכם זכות נצחי
ביום המסוגל הזה


בשירי דוד המלך ספר התהלים השתפך נפשו וערך תחנונים ובו נשמתו קשורה
(מתוך נוסח המצבה)
יומא דהילולא קדישא
- של מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א -
פק"ק קרית טאהש יע"א
- ז"ך אב תשפ"ה -
פועל'ט אויס אלעס גוטס
בהכנה דרבה לקראת יום ההילולא הממשמש ובא הננו בזה להודיע שיתקיים בעזהשי"ת
במשך המעת לעת
ביומא דהילולא קדישא
אצל הציון הקדוש
משמרות לסיים כל ספר תהלים
רצופות בלי הפסק
כפי שנהג כ"ק מרן רביה"ק זי"ע ובכרצון קדשו
ואחריו מנין לאמירת י"ג מדות של רחמים
והסדר כדלהלן:
לתועלת הציבור הרוצים להתחיל ולגמור כל סדר תהלים ברציפות ברוב עם, סדרנו שבכל שתי שעות יאמרו ביחד כל הציבור סדר היה"ר שאחר תהלים עם י"ג מדות של רחמים.
הזמנים הם לאמירת הה
בשעה 1:30 ביינאכט
בשעה 3:30 פארטאגס
בשעה 5:30 פארטאגס
בשעה 7:30 צופרי
בשעה 9:30 צופרי
בערך בשעה 11:30 מיטאג ע"י כ"ק רבינו שליט"א
בשעה 1:30 מיטאג
בשעה 3:30 נאכמיטאג
בשעה 5:30 נאכמיטאג
בשעה 7:30 פארנאכטס
בקשה נחוצה
אין לעשות מנייני תפילה וכו' באוהל הק.
אין לקבץ נדבות בכל שטח הבית החיים, וכש"כ באוהל הקדוש כדי שלא להפריע המתפללים. (אלא במקום המיוחד לכך עלי דרך, וגם שם באופן המסודר בנחת ובשכל).
לא לשוח ולא לדבר שיחת חולין (כידוע שרביה"ק זי"ע היה רגיל לעורר שזה יכול לעכב התפילות הלילה).
לכבות הטעלעפאנען שלא יפריע, וכוודאי שלא להוציא כלים האסורים בשו"א.

# חברה שומרים קרית טאהש
KT SHOMRIM
Association

SHOMRIM
Communauté de Tash
PROTECTION PUBLIQUE
"שומרים" קרית טאהש
KTSP
Boisbriand, Québec

105-240 Beth Halevy Ave, Boisbriand QC, J7E-4H4
514-922-9888

## וויכטיגע אינפארמאציע און אנווייזונגען
צו די טעג פון די יארצייט מיטוואך און דאנערשטאג ראה הבעל"ט

**באמערקונג:** אויב וועט נישט ווערן איינגעהאלטן די אלע רעגולאציעס, **איבערהויפט דאס פארקינג** און דאס האלטן ליידיג די ראוד"ס פאר עמערדזשענס"י אויטאמאבילן, קען די **פייער דעפארטמענט** ח"ו **אפשפארן די גאנצע שטאט פאר אויטא פארקער**, דעריבער איז גאר וויכטיג יעדנס פולשטענדיגע קאאפעראציע צו היטן זייערע רעגולאציעס כדי צו פארשפארן עגמ"נ, סיי די געסט און סיי די איינוואוינער.

- אלע רעגולאציעס זענען שייך פון מיטוואך 9:00 אינדערפרי ביז דאנערשטאג 12:00 ביינאכט.ביידע אריינגענג צום שטעטל וועלן זיין אפען דורכאויס די גאנצע צייט.

### פארקינג אויף רחוב משה:
- וועט זיין ערלויבט צו פארקן ביידע זייטן פון די גאס, **מ'בעט זייער אז מ'זאל לכתחילה אריינפארן אין די פארקינג לאטס**, יעדע בנין אוף רחוב משה האט געווענליך אונטער זיך א פארקינג לא"ט.
- אויך וועט זיין א מעגליכקייט צו פארקן אויף די נייע משה גאס, לויט די אנווייזונגען.

### פארקינג אויף רחוב בית הלוי:
- פון אנפאנג שטאט ביז די בנין התלמוד תורה איז ערלויבט צו פארקן.
- **ביטע מאכט זיכער נישט צו פארקן אויף א וועג וואס קען מאכן טרעפיק, נישט געהעריג לאזן דורכפארן באסעס, אדער בלאקירן דעם וועג, ס'זאל נישט ח"ו צוקומען צו קיין סכנה.**

### וועג צום ציון הקדוש:
- עס וועט זיין א מעגליכקייט ארויפצופארן ביז'ן בית החיים און פארקן די קאר'ס אויפן וועג ארויף, לויט א ספעציעלע סיסטעם, ביטע אויספאלגן אלע אנווייזונגען פון די געטרייע מעמבער'ס.

### שאטעל סערוויס צום ציון הקדוש:
- במשך די טאג פון די יארצייט וועט זיין צוגעשטעלט א שאטל סערוויס וואס וועט פארן ביז צום בית החיים אריינגאנג, יעדע האלבע שעה פון די אברכים און צוריק, פון 8:00 אינדערפרי ביז 11:00 ביינאכט.
- מיטוואך פאר די פרויען וועט פארן די שאטעל פון די שאפינג סענטער און צוריק, יעדע האלבע שעה פון 10:00 אינדערפרי ביז 5:30 נאכמיטאג.
- די שאטעל וועט אנפאנגען די רוט, מיטוואך פון די שאפינג סענטער און דאנערשטאג פון די אברכים, פון דארט ארויף ביז צו די בוטשער, און עס וועט אדורכפאהרן די רינגען פון נומ' 9 און נומ' 1 בית הלוי ארויף צום ציון הק' און די זעלבע אויפן וועג צוריק.
- **די לעצטע שאטעל פאר די פרויען פון די שאפינג סענטער וועט זיין 5:00, און צוריק פון ציון הקדוש וועט עס פארן 5:30.**

### פארקינג ביי די בניני המוסדות
- פארנט פון די בניני המוסדות, ביטע פארקן נאר ווי עס איז אנגעוויזן, און נישט אונטערן בנין ווי עס דארף זיין ליידיג פאר די באסעס און פאר עמערדזשענסי ח"ו.

### שלחן הטהור סעודת הילולא:
- **מיטוואך נאכט ליל ההילולא, וועט זיין צוגעשטעלט ספעציעלע באסעס וואס וועלן קורסירן ארום די שטעטל צו ברענגן דעם ציבור פון און צום סעודת הילולא, ביטע נישט קומען מיט די קאר'ס, און איבערלאזן די פארקינג ערטער פאר די געסט.**

### זייט פארזיכטיג:
- **א ספעציעלע בקשה צו די תושבי הקרי' און צו די חשובע געסט, אזוי אויך ווערט יעדער בעל אכסניא געבעטן אנצוזאגען זיינע אורחים, צו קאאפערירן מיט די אנווייזונגען און אויספאלגן די רעגולאציעס, פארקן מיט אחריות נאר אין פארקינ"ג לאט"ס און אויף די ערלויבטע פלעצער, און די תושבי הקרי' זאלן זיך אנשטרענגען און זיך רעכענען אז די געסט זאלן אויך האבן פארקינ"ג, און פיהלן באקוועם בס"ד.**
- **חשובע געסט!** די איינוואוינערס שפירען דא ווי אין א קאנטרי און קענען אויך גיין אינמיטן די ראוד, ביטע פארט גאר לאנגזאם. געדענקט 30 קילאמעטער איז נאר 15 מייל. און שטעלט אייך גענצליך אפ ביי די סטאפ סיינס. **עקסטער ווילן מיר אויפפאדערן און דערמאנען אז אויפן וועג ארויף צום בית החיים וועלן זיין אסאך פיס גייער, דעריבער ביטע אכט געבן, און פארן בלויז אויף מאקסימום 10 מייל וואס דאס איז בערך 15 קילאמעטער, און די פיס גייער זאלן פרובירן זיך צו האלטן ווי מער צו די זייט פון די ראוד.**
- **זייט נישט פארנאכלעסיגט מיט סיט בעלט"ס, און קינדער קאר סיטס, ווייל די פאליצי איפארסירט די אלע געזעצן, און טיילן טיקעט'ס סיי אין שטאט, און סיי אין די ארומיגע גאסן ארום קריתינו הקדושה.**

השם ישמור צאתכם ובואכם מעתה ועד עולם, יעדער זאל פועל'ן אלעס גוטס בזכותו הגדול והקדוש

**חברה שומרים קרית טאהש**

- הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל -







# מאנ"ש לאנ"ש

בריוון און מעסעדזשעס
פון אנשי שלומינו
צו אנשי שלומינו

איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
**פאסט**
11 Van Buren Dr. #305
Monroe, NY 10950

שיקט א
**פעקס**
877.760.0544

לאזט א מעסעדזש אויף
**קול איחוד**
718.451.8674
Ext. 841

## אפי' איין יאר נישט אוועקפארן...

לכבוד מערכת באור החיים.

אין די בריוון אפטיילונג איז געווען געדרוקט וואס כ"ק רביה"ק זי"ע האט געזאגט פאר די בחורים אין א דרשה, אז קיינער האט זיך נאך נישט קונה שלימות געווען ווייל ער איז אוועקגעפארן פון טאהש לערנען. האב איך געוואלט צולייגן וואס איך האב געהערט וואס איינע פון די חשובע דיינים אין שטעטל, הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א, האט פארציילט זיין מעשה מיטן רבי'ן איבער לערנען אין טאהש.

עס האט זיך געמאכט איין זמן, האט ער זייער שטארק געוואלט אוועקפארן פון טאהש צו אן אנדערע ישיבה לערנען, און ער האט געזאגט פאר די זיין טאטע, אז ער וויל זייער אוועקפארן לערנען, ווייל ער פילט אז ערגעץ אנדערש וועט ער קענען מער שטייגן, דאכט זיך עס האט געהייסן אז יענע ישיבה איז געבויעט אויף "לערנען", דארט לערנט מען מער און מ'שטייגט בעסער. זיין טאטע הרה"ח ר' אלימלך קליין ז"ל משב"ק, וויבאלד ער האט דאך געוואלט זיינע קינדער זאלן שטייגן די מערסטע, און ער האט געפילט אז לתועלת וואלט טאקע אפשר געווען כדאי אז ער זאל אוועקפארן, אבער נישט זיך רירענדיג אפי' א משהו אן דעם הייליגן רבי'ן, איז ער אריין עס איבערשמועסן מיטן רבי'ן.

דער רבי האט געבעטן אז ער וויל זיין זוהן זאל אויך אריינקומען ווייל ער וויל רעדן מיט אים אליינס, האט אים זיין טאטע טאקע אריינגערופן אליינס צום רבי'ן, און דער רבי האט אים געהייסן קודם זיך אראפזעצן נעבן אים. דער רבי האט ליבליך געשמועסט מיט אים און אים אויסגעפרעגט פארוואס ער וויל אוועקפארן, האט ער געזאגט פארן רבי'ן עטליכע זאכן פון וואס ער פילט אז ער איז נישט צופרידן, וואס אין אן אנדערע ישיבה איז נישט אזוי, און דארט וועט ער קענען שטייגן אין לערנען, כמובן איז עס געווען פארשידענע טענות וואס פאר א בחור איז עס מסתמא אפשר טאקע זייער וויכטיג אין זיין וועלטל, אבער ס'ליגט נישט צופיל עכטע ממשות דערין, ס'איז געווענליך נאר ווייל יענעמ'ס גראז איז גרינער... אויך האט ער געזאגט פארן רבי'ן אז ס'איז דאך סייווי נאר פאר איין יאר וואס ער וויל אוועקפארן, ער פלאנט צוריקצוקומען א יאר דערנאך, און אז אפי' נאר פאר די איין יאר, פילט ער אז ער וועט קענען אסאך שטייגן ערגעץ אנדערש.

דער רבי האט אים אויסגעהערט עד הסוף, און אלעס אויסגעשמועסט מיט אים. דער רבי האט זיך אראפגעלאזט צו אים דורכגייענדיג אלע נקודות וואס ער האט דערמאנט, זיכער צו מאכן אז ער ווערט צופרידן, און זיכער געמאכט אז ער בלייבט טאקע לערנען אין טאהש.

די מעשה האט זיך נישט געענדיגט דא, ר' יעקב איז שוין דעמאלטס פארבליבן פארבינדן פערזענליך מיטן רבי'ן, און עס איז דא נאך אסאך שיינע ענינים וואס איז פארבינדן צו דעם מעשה, וואס דער רבי האט אים מדריך געווען איבער פארשידענע ענינים, און איבער עטליכע ספרים וואס ער זאל ספעציעל עוסק זיין און לערנען דערין, און נאך ענינים וואס איז נישט נוגע דוקא צו דעם ענין וואס מ'שמועסט דא.

פאר איך ענדיג וויל איך צולייגן, וואס איך האב געהערט בתוך הדברים אין א דרשה פון המגיד המפורסם הרה"ג ר' שרגא פייש פאפאלאנש שליט"א, אז ער האט זיך איבערצייגט אז רוב דיינים ורבנים פון די היינטיגע חסידישע דור, זענען נאך אויסגעשטיגן לערנענדיג אין די אייגענע ישיבות, און מ'קען אליינס אריינקוקן אינעם אנשי שלומינו טעלעפאון ביכל, זאגט ער, וועט מען דאס אליינס זעהן, אז די נעמען וועלכע ערשיינען אינעם ביכל אלס די מורי הוראה תלמידי חכמים וגאונים ורבנים, זיי האבן געלערנט און אויסגעוואקסן אין די אייגענע חסידות ישיבה, און פון די אנדערע זייטע די וואס זענען אוועקגעפארן לערנען ערגעץ אנדערש אין לומדות ישיבות צו סיי ווי, מכלומר'שט מיטן ציל צו שטייגן בעסער, זענען אבער פאקטיש נישט פון די וואס זענען למעשה אויסגעשטיגן.

איך האב געהערט נאכזאגן פון הרה"ג ר' ישעי' טירנויער אב"ד זכרון יהודה אין מאנסי, אליינס א תלמיד בישיבתינו הק', אז ער האט זיך איבערצייגט, אז די אלע וואס פארן לערנען אין לומד'ישע ישיבות, בלייבן על פי רוב נישט לערנען אין כולל נאך די חתונה צו לאנג..

(-) פה קרית טאהש

## וויאזוי א בחור קען מקרב זיין אנדערע

לכבוד הבה"ח ני"ו, וואס האט געפרעגט די שאלה פאראנגנענע

וואך אין א בריוו, בנוגע מקרב זיין א בחור אין א שוואכערע מדריגה, אויב ס'וועט יא אדער נישט מאכן שאדן פאר זיך, אויב מ'וועט ווערן חברים צוזאמען.

אזא שאלה איז גאר גאר שווער אויסצושמועסן ברבים ווען ס'איז נוגע א ספעציפישע מציאות, וויבאלד די תירוץ וועט אלץ זיין אנדערש געוואנדן אין זייער אסאך פרטים, און יעדע מאל עקסטער פאדערט זיך א באזונדערע שיקול הדעת צו קענען פסק'נען. נאר אזוי ווי די פראגע איז געברענגט געווארן ברבים, פעלט אויס אז ס'זאל אויך ווערן געענטפערט לרבים, אויף אן אופן פון א דרך כלל.

עס איז אלץ וויכטיג פאר א בחור צו וויסן: א חבר זאלסטו זיין נאר מיט א בחור וואס איז די זעלבע מדריגה אין אידישקייט ווי דיר, אדער נאך חשוב'ער. קיינמאל זאלסטו נישט ווערן נאנט מיט איינעם וואס איז שוואכער פון דיר, אפי' מיטן ציל מקרב צו זיין. ס'איז גוט אז דו ווייסט אז א יעדע אידישע נשמה איז זייער טייער, און אוודאי מעג מען און דארף מען געבן אלץ א גוט ווארט פאר א צווייטן. דו זאלסט אבער שטענדיג געדענקן, אז א חבר איז מען נאר מיט איינער וואס איז די זעלבע דרגה, און אוודאי חשובער איז זיכער אייביג גוט. בבחינת "הוה זנב לאריות, ואל תהי ראש לשועלים" (אבות ד, טו).

א בחור וואס וויל דאך, יא שטארק מקרב זיין אנדערע ברוחניות, איז דא א געוואלדיגע עצה וואס יעדער בחור קען אלס טוהן. די גמרא זאגט (כתובות קה:) "אמר אביי, האי צורבא מרבנן דמרחמין ליה בני מתא, לאו משום דמעלי טפי, אלא משום דלא מוכח להו במילי דשמיא". דער תלמוד חכם וואס די מענטשן אין שטאט האבן אים זייער ליב, איז דאס נישט צוליב דעם וואס ער איז חשוב'ער, נאר ס'איז וויבאלד ער זאגט זיי נישט קיין מוסר. פשוט פשט קוקט אויס פון די גמ' דא לגנאי, אז ער דארף ווען יא זאגן מוסר. האב איך געזעהן א פשט פון איינע פון די גדולי ירושלים, הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל, אז די גמ' דא מיינט באמת יא לשבח. זאגט ער, אז ס'איז דא צוויי וועגן וויאזוי מ'קען לערנען אנדערע זיך צו פירן אויפן ריכטיגן וועג. אדער קען מען פשוט זאגן מוסר, און זאגן פאר יענעם וויאזוי זיך צו פירן. אדער קען מען אליינס זיין א דוגמה, מ'זאל זיך אליינס אויפפירן אויף דעם וועג, אז אנדערע וועלן אים זעהן פאר א סעמפל און זאגן, אזוי דארף א איד אויסקוקן. דאס וויל די גמ' זאגן "דלא מוכח להו במילי דשמיא", אז די מעלה פונעם ת"ח שטעקט נישט דווקא אין זיין פרעזענליכע אייגענע חשיבות, נאר טאקע דאס איז זיין



מעלה, אז ער זאגט נישט און ער דארף נישט מוסר זאגן פאר אנדערע, וויבאלד ער מאכט זיכער אז זיין אויפפירונג גיסט זיך איבער במלא חפניים. מענטשן לערנען זיך אפ פון אים וויאזוי מ'דארף זיך אויפפירן אפי' אן מוסר זאגן, זיין התנהגות רייצט אן אלע ארומיגע.

לענינינו. אז א בחור וויל זעהן מקרב צו זיין אנדערע, זאל ער אליינס מאכן א קידוש השם מיט זיינע מעשים, ער זאל זיך אליינס פירן במילי דשמיא וויאזוי עס דארף צו זיין, דאוונען ערליך, לערנען פלייסיג, טוהן וואס א איד דארף צו טוהן. אזוי וועט די כח ההשפעה זיין אסאך שטערקער, אנדערע וועלן זיך אפלערנען און אטאמאטיש נתקרב ווערן.

נאכאמאל טייערער בחור, דו זאלסט געדענקן זיך נאר צו חבר'ן מיט אנדערע בחורים וואס זענען אין די זעלבע דרגה, אדער חשובער ווי דיר, ווייל א חבר איז א זאך וואס דארף ברענגען צו עבודת השם. און אז דו ווילסט טוהן אין קירוב אויך, זאלסטו זעהן צו דאוונענען מיט א פלאקער און א געשמאק, לערנען מיט א ברען און א חיות, טוהן אין מצות מיט א געוואלדיגע ערנסטקייט אין פרישקייט, עבודת השם בשמחה, אזוי וועט דאס זיין די גרעסטע קירוב וואס דו קענסט טוהן.

פארן ענדיגן איז וויכטיג צוצולייגן, סיי פאר דעם בחור וואס האט אנגעפרעגט די שאלה, און סיי פאר אנדערע בחורים וואס קענען טראכטן די זעלבע. אז אויב פילסטו אז דא איז אפשר אנדערש, אדער ווייל פאר דיר וועט עס נישט שאטן, אדער איז אפשר יענער נישט אזא קל, מעגליך אז דו פילסט אז אין דיין פאל פעלט וויכטיגער אויס זאלסט יא ווערן נאנטער צו יענעם, זאלסטו זיך אבער קיינמאל ח"ו נישט פארלאזן אויף דיין אייגענע שיקול הדעת אדער השערות, נאר עס דורכרעדן מיט א מרביץ תורה, מגי"ש, מורה דרך, וואס קען די זאך פון די נאנט.

וה' יעזרינו לעשות נחת רוח ליוצרינו, ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים.

יעקב סג"ל לאווי, חבורתא קדישא
עבודת עבודה בעיר בארא פארק

## קשרו ישועה

א גוטן די חשובע מערכת, ביטע ארייגלייגן אין די מאנ"ש לאנ"ש אפטיילונג אינעם הערליכן גליון באור החיים.

אויפן 'חסידים שמועסן' ווינקל (ביי די התאחדות אפטיילונג פאר איחוד מעמבער'ס אויף קול איחוד), איז לעצטנס ארומגעשמועסט געווארן גאר אינטערעסאנטע סיפורים פון אידן וואס זענען געהאלפן געווארן בזכות דעם הייליגן רבי'ן, בשייכות מיט יבלחט"א דער רבי זאל זיין געזונט, און אויך האט מען געהערט דארט די אינטערעסאנטע סיפור הדברים איבער די שטח ישיבתינו הק' אין קרית יואל, וואס ביי א מיטינג מיט די הנהלת הישיבה האט דער רבי גע'עצה'ט אויסצוזאלן פריער ווי געפלאנט א ריזיגן חלק פון די חוב פארן שטח, און ביים אנרופן די מוכר מיט די החלטה אז מ'וויל אים באצאלן שוין יעצט, האט ער ממש נישט געקענט צוקומען צום ווארט, זאגנדיג אז ער איז יעצט ביים ציון הק' אין טאהש, און ער האלט אינמיטן מתפלל זיין פאר א ישועה איבער געלט ענינים וואס ער דארף יעצט שאפן א גרויסן סכום אין א קורצן צייט... די אינטערעסאנטע חלק פון די מעשה איז, אז בעצם האט דער איד דער מוכר נישט דוקא מיט טאהש, און עפעס האט אים איינער פונקט געשלעפט פאר קורצע נסיעה צום ציון הק' אהין און צוריק.

עס איז אינטערעסאנט דא אראפצוברענגען אן אויסצוג פון די מעמד חסידים מספרים, מוצש"ק פרשת עקב לפני הילולא קדישא תשפ"ג, ווי עס האט דערציילט הרב החסיד ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א, וויאזוי א איד איז געהאלפן געווארן בהתקשרות דעם הייליגן רבי'ן מיטן רבין זז"ג, וכך היה המעשה כלשונו:

איין טאג זייענדיג ביים ציון הק', זעה איך א ליטווישער איד קומט אריין צום ציון, ס'איז געווען חנוכה צייט, ער זאגט תהלים, און ער וויינט אסאך. אז איך האב אים אנגעקוקט, האב איך געטראכט אז איך האב שוין געזעהן דעם צורה אמאל, ס'האט זיך מיר גדאכט אז דער איד איז שוין אמאל דא געווען, און דעמאלטס האב איך אים אויך געזעהן וויינען און זיך ווישן די טרערן.

ביים ענדיגן תהלים איז דער איד מיר אדורכגעגאנגען, האב איך אים אנגעקוקט, און ער האט מיר אנגעקוקט, און ער איז ארויסגעגאנגען. עס האט געהאט אויסגעקוקט ווי ער האט מיר שוין אויך געהאט געדענקט פון פאריגע מאל וואס ער איז דא געווען...

א מינוט דערויף קומט דער איד צוריק אריין, איך פרעג אים צו ער איז טאקע דא געווען פאראיאר, זאגט ער יא, און ער הייבט מיר אן פארציילן וואס ער טוט דא:

ער האט א קינד וואס ער האט געהאט גרויסע צרות מיט אים, עס האט אויסגעפעלט גאר ספעציעלע טיפול מיוחד, ער איז געגאנגען צו אלע מומחים, אבער מ'האט אים נישט געקענט העלפן מיט זיין פראבלעם, און ער האט געווארט אויף א גרויסע ישועה. איך ווייס נישט צו ער האט געוואוסט פאר דעם פון טאהש און פון הייליגן רבי'ן צו נישט, אבער ער איז אנגעקומען צום ציון דא פאראיאר, און ער האט מתפלל געווען פאר א ישועה פאר זיין קינד. נאכדעם האט ער געטראכט, "דער הייליגער רבי האט דאך געמאכט דעם רבין זז"ג פאר רבי, וועל איך אריינגיין און איך וועל נעמען א ברכה."

איז ער טאקע אריין אל הקודש פנימה צו כ"ק מרן רבינו שליט"א, און דער רבי האט אים גע'עצה'ט אז ער זאל פארן קיין ארץ ישראל צו דעם און דעם, און דארט וועט ער האבן די ישועה. זאגט דער איד, "איך האב געטראכט צו מיר, איך האב נישט געבעטן קיין עצות, פארן קיין ארץ ישראל אדער סיי וואס, איך האב דאך שוין געטוהן טויזנטע זאכן, יעצט האב איך בלויז געבעטן א ברכה, איך האב פארשטייט זיך גארנישט געזאגט,

איך האב נאר אזוי געטראכט."

"איך בין ארויס פון רבי'ן, און נאכדעם האב איך געטראכט ווייטער, איך בין דאך געקומען צום הייליגן רבי'ן בעטן א ישועה, און מן השמים איז מיר אריין אין קאפ אז איך זאל אריינגיין צום רבי'ן זז"ג, און דער רבי זאגט מיר פארן קיין ארץ ישראל, זאל איך נישט פאלגן? פארוואס דען בין איך געקומען... האב איך באשלאסן איך גיי טאקע יא פאלגן, איך וועל פארן קיין ארץ ישראל."

דערציילט דער איד, אז ער האט געוויילט אין ארץ ישראל מיט זיין זוהן פאר צוועלעף וואכן, און ער איז אהיימגעקומען ממש כאחד אדם. ממילא זאגט ער "בין איך יעצט חנוכה צוריקגעקומען נאכאמאל צום ציון, צו דאנקען דעם אייבערשטן אז איך האב געהאט א ישועה".

א איחוד מעמבער וואס האט הנאה פון
די פילצאליגע פעולות האיחוד

## נישט אלעס דארף מען דרוקן...

אל מעלת כבוד המערכת.

איך וויל זיך באציען איבער דעם וואס איז געווען געדרוקט אין די בריוון, לשונות וואס דער רבי זי"ע האט זיך אויסגעדרוקט איבערן לערנען אין ישיבה דוקא אין טאהש. איך וויל מעורר זיין אויף איין לשון וואס מ'האט געדרוקט פון רבי'ן, אז איי ס'קוקט יא אויס אמאל אנדערש, איז עס באמת נישט אזוי וכו', דאס איז שוין געווען אביסל צו שארף נאכגעברענגט. וואס הגם ס'איז קלאר אז דער רבי האט דאס טאקע געזאגט, און יעדער ווייסט זאכן וואס דער רבי האט געזאגט וואס האט נאך געקענט זיין אסאך מער ברייטער און קלארער געזאגט ווי דעם, אבער דאך איז דא א מימרא פון צדיקים, אז נישט אלעס וואס מ'טראכט מעג מען זאגן, נישט אלעס וואס מ'זאגט מעג מען שרייבן, און נישט אלעס וואס מ'שרייבט מעג מען דרוקן. (און אגב, נישט אלעס וואס מ'דרוקט דארף מען ליינען).

וויל איך בעטן אז מ'זאל נזהר זיין וואס מ'דרוקט, דער רבי פלעגט אסאך מאל זאגן זאכן נאר פאר געוויסע מענטשן, וואס זיי האבן דאס געדארפט הערן, און אפי' אין דעם ענין וואס דער רבי האט געוואלט אז יעדער זאל דאס וויסן, דארף מען אבער נישט ברענגען יעדע לשון פון רבי'ן אויף דעם וואס ער האט נאר אמאל געזאגט. רוב מעשיות וסיפורים פון הייליגן רבי'ן קען מען פארציילן, אפי' ס'איז ארויסגענומען דערפון עטליכע פרטים, ווילאנג מ'פארשטייט די מעשה אזוי אויך, און ווילאנג די עיקר נקודה קומט ארויס, איז גוט. און אוודאי איז באקאנט פיל מאל ווען דער רבי פלעגט פארציילן די סיפורי צדיקים מוצש"ק, און ווי געדרוקט אין ספה"ק עבודת עבודה שיחות קודש, אז דער רבי האט אויסגעלאזט געוויסע פרטים וואס ער האט געהאלטן אז ס'איז נישט דוקא לתועלת, אדער עס וועט גארנישט ברענגען לעבודת השם.

איך וויל ענדיגן בשבח ומעלת פון אונזער הייליגע ישיבה דא, און די וואס האבן שכל קומען אהער - אפי' אן אראפרייסן די וואס טוען אנדערש - און מ'האט הנאה און מ'איז מצליח. יעדער קען זיך אליינס איבערצייגן ווי די ישיבה בליהט אין וואקסט ב"ה, ובזכותו של אותו זקן קומען פון דא ארויס פיינע פירות, און דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

איך וויל זייער שטארק בעטן, אז דאס זאל מען יא דרוקן דעם וואך צווישן די בריוון...

הצלחה רבה וכט"ס

(-)






# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש - ניו יארק:

## אומגלויבליכע קול תורה הילכעט אפ בהיכל ישיבתינו הק' מהבוקר ועד הערב מיטן ציל בעז"ה קונה צו זיין גאנץ מסכת שבת ביז סוף זמן

בחורי ישיבתינו הקדושה לערנען און חזר'ן מיט א געוואלדיגע התמדה אין די טעג די פארבליבענע בלעטער פון מסכת שבת וועלכע מ'האט נאכנישט געענדיגט לערנען.

נאכן זיך פארהערן גאנץ פרק במה טומנין בעל פה גמרא רש"י ותוס' וואס מ'האט געלערנט ביים סדר שיעור עיון דעם זמן, דורך הגה"צ רבי יודא אליעזר יונגער שליט"א אב"ד קהל יראים, לערנט מען ווייטער פרק כירה ביים סדר שיעור עיון.

אין די טעג ענדיגט מען ביים סדר הערב פרק מי שהחשיך, וועלכע איז געלערנט געווארן די פארגאנגענע עטליכע וואכן.

נאך יעדע עטליכע בלעטער פארהערן זיך די בחורים שקלא וטריא ביים בוחן הישיבה הרה"ג ר' דוד שטערן שליט"א און ביים משגיח הרה"ג ר' אבא שטאלצבערג שליט"א.

אויסער די סדרי ושיעורי הישיבה וואס די בחורים לערנען און חזר'ן מיט א געוואלדיגע התמדה, לערנען און חזר'ן די בחורים מיט א קענטליכע התלהבות והתמדה אין די זייטיגע זמנים, כדי צו קענען ענדיגן און קונה זיין די גאנצע מסכת מיט א שלימות און זיך שטעלן צום פארהער בעז"ה.

**קובץ על יד ירבה**

*

## יום הנשגב י"א תמוז געפראוועט מיט א התעלות בהיכל ישיבתינו הק'

פארגאנגענעם מאנטאג פר' בלק העעל"ט יומא דהילולא קדישא פון הייליגן שר בית הזהר בעל עטרת צבי זי"ע איז אפגעראכטן געווארן א יום התעלות פאר בחורי ישיבתינו הק'. דער חשובער מנהל שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט א גאר ווארימע דרשה בעניני דיומא, און אראפגעגעבן פאר די בחורים אונזער ספעציעלן שייכות מיט דעם הייליגן צדיק זי"ע, און האט ארויסגעברענגט דעם ענין פון מאכן א מדורה ביומא דהילולא.

ביי מיטאג צייט איז פארגעקומען א שיינע הדלקה בחצר ישיבתינו הק'. מ'האט געזינגען צוזאמען ניגוני התעוררות, בשעת'ן גסן האבען די בחורים געהאט די געלעגנהייט צו גיסן אויל אינעם מדורה.

דערנאך האט דער חשובער משגיח שליט"א אויפגעטרעטן איבער דעם יום הגדול והנשגב וואו מ'שטייט יעצט, און דער זמן המסוגל בהדלקת המדורה לכבוד נשמת הצדיק.

עס איז פארקויפט געווארן די זכות אנצוצינדן דעם פאקל, און דער זכות ההדלקה פאר בלעטער גמרא וואס ווערט געלערנט דורך די לומדי חבורת 'מסכת שבת' און ביי חבורת 'ושננתם'. די הדלקה איז געקויפט געווארן פאר 135 בלאט גמרא דורך די תלמידים פארן חשובן מנהל שליט"א.

די בחורים האבען געזינגען דעם הייליגן אהבה רבה ניגון מיט התעוררות. און דער מנהל האט אנגעצינדן דעם מדורת אש בשעת די בחורים הייבן זיך אין די לופט לכבוד הצדיק. און מ'האט געזינגען ניגוני בר יוחאי און אמר רבי עקיבא.

נאכמיטאג איז געפראוועט געווארן א סעודת הילולא ומסיבת מרעים, מ'האט געזינגען ווארימע ניגונים, דערנאך האט נכד בעל ההילולא הגה"צ רבי יצחק אייזיק סג"ל שליט"א ר"מ בישיבתינו הק' אויפגעטרעטן בעניני ההילולא, און האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע גרויסקייט פון עטרת צבי בלימוד התורה, און דאס דאווענען מיט א פנימיות, בשילוב מיט סיפורים פון עט"צ.

ברהמ"ז איז פארקויפט געווארן פאר בלעטער גמרא, וואס איז געקויפט געווארן פאר 100 בלאט דורך די תלמידי הישיבה, פאר הרב הגאון רבי אברהם שמשון הורוויץ שליט"א ר"מ בישיבה.

**תורתו מגן לנו.**



בְּנִי אַתָּה שְׁאַל מִמֶּנּוּ וְאֶתְּנָה
אנ"ש תלמידי וחסידי רבינו הק' זי"ע שליסן אן אייביגן קשר מיט דעם רבינ'ס ירושה
תלמוד תורה בית יודא ד'טאהש
און פועל'ן אויס אלעס גוטס!
דער רבי פארשפרעכט;
בעטס ביי מיר און איך וועל אייך געבן!
ווען זיינע ליבע קינדערלעך
לייגן אויף די קוויטלעך
בקודש פנימה יעדן ערב ראש חודש
$54
לחודש
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל און צינדן א לעכט יעדן ערב ראש חודש ביים ציון
$36
לחודש
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים ציון
האנדלט זיך איין דעם אומשאצבארע זכות און שטיצט דעם רבינ'ס הייליגע ירושה
845.402.TOSH
8674
TOSH16BH@GMAIL.COM
פועל ישועות




בס"ד
א גרויסן יישר כחכם
מיר ווילן זיך באדאנקן פון טיפן הארצן פאר אלע אונזערע
חשובע נדבנים
וועלכע האבן זיך באטייליגט איש איש כפי יכולתו מיט א געוואלדיגע 'געטריישאפט'
ביים יעצטיגן סוקסעספולע
"געטריישאפט"
קאמפיין
לטובת "חברים קרית טאהש"
וואס איז בעזהשי"ת פארריבער מיט גרויס הצלחה
די געוואלדיגע חיזוק וואס מיר האבן באקומען געט אונז די נויטיגע מאס חיזוק אז מיר זאלן קענען ווייטער אנגיין מיט אונזער עבודת הקודש ארויסצוהעלפן אונזערע "חברים" מיט אלע אונזערע סערוויסעס יום וליל
תזכו למצות מתוך נחת והרחבה!
דער גרויסער זכות זיכוי הרבים און ארויסהעלפן אידישע קינדער זאל אייך מיט אייערע משפחות באגלייטן אויף שטענדיג מיט אלעם גוטן מיט אסאך הצלחה בכל מעשי ידיכם, מ'זאל זיך נאר ארויסהעלפן אויף שמחות געזונטערהייט מיט נחת און פרייד
מיט פול דאנק
מנחם מענדל פעלבערבוים
מנהל
CHAVERIM
KTC
און גרעניאן
געטריישאפט


בעזהשי"ת
נעלה את ירושלים
על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון
וקול שמחה
קול חתן
וקול כלה
ק
בשבח והודי' להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את מעלת כבודכם
לבוא להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו
הבחור החתן המופלג
אשר ענשיל נ"י
עב"ג
הכלה המהוללה
מינדל תחי'
שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום שני לסדר 'וברך פרי בטנך' (עקב)
י"ז אב תשפ"ה לפ"ק (למספרם AUG 11)
קבלת פנים בשעה 6:30
החופה בשעה 7:00
הסעודה אחר החופה
שמחת חתן וכלה בשעה 9:30
באולם בני יעקב
5237 Clanranald Ave. Montreal, QC. H3X 2S5
ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו
המחכים לקראת בואכם לשלום
הורי החתן
יצחק אייזיק שלום סג"ל קרויס ובו"ב
קרית טאהש יצ"ו
הורי הכלה
יחזקאל שרגא סג"ל שווארטץ ובו"ב
קרית טאהש יצ"ו
בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון
וקול שמחה
מזל טוב
קול חתן
וקול כלה
בשיר וקול תודה נברך לאלוקינו על כל הטוב שגמלנו שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, כה יוסיף ה' לנו בל יעזוב חסדו
מאתנו והנני מתכבד להזמין בקריאה של חיבה את קרובינו וידידינו לבוא ולהשתתף בשמחתינו יום כלולת בנינו היקר
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
הרב גדלי' שליט"א
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
מרת שיינדל תחי'
בת כבוד מחותני הרה"ג רבי יחזקאל שרגא טירנויער שליט"א
בן הגה"צ רופ"ץ ור"מ סאטמאר – מאנטריאל זצ"ל
וחתן הגה"צ אב"ד טאפלטשאן זצ"ל, בן הגה"צ רבי שמואל קרויס זצ"ל בעל שפתי חן
שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' לס' וברכך והרבך וברך פרי בטנך (עקב)
י"ט מנחם אב תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט (ולמספרם AUG. 13)
קבלת פנים בשעה 6:00
והחופה בשעה 7:00
באולם עטרת חי' שרה
106 S Madison Ave, Spring Valley, NY 10977
ויה"ר שזכות אבוה"ק זצוקללה"ה יגן עלינו ולכל המשתתפים בשמחתינו
להתברך בשפע רב ורב ברכות וישועות וכל טוב סלה לנו ולכל ישראל
ידידכם המצפה לקבל פניכם באהבה ובשמחה
אהרן יודא הכהן כ"ץ ובו"ב
בלאאמו"ר כ"ק גאב"ד טאהש מאנסי שליט"א
וחתן מו"ה הגה"צ אבד"ק טשאטה שליט"א
נכד כ"ק מרן רביה"ק זי"ע מטאהש
בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון
וקול שמחה
בסימן טוב ובמזל טוב
קול חתן
וקול כלה
בשבח והודי' להשם יתברך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין כל קרובינו וידידנו שיחיו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים ה"ה
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר שמואל מאיר נ"י
עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
מרת מילכה פיגא תחי'
שתתקיים אי"ה למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת
ביום רביעי לסדר למען ירבו ימיכם - עקב
י"ט מנחם אב שנת תשפ"ה לפ"ק - ולמספ' Aug 13
בבית ציר"ל - קרית טאהש יצ"ו
251 Beth Halevy Boisbriand Quebec J7E 4H4
קבלת פנים בשעה 6:00
החופה בשעה 7:00
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום
הורי החתן
אברהם האלצער
ובו"ב
קרית טאהש יצ"ו
הורי הכלה
אברהם צבי ראטטענשטיין
ובו"ב
קרית טאהש יצ"ו
בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון ◆ וקול שמחה ◆ קול חתן ◆ וקול כלה
ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין ולקרוא בקריאה של חיבה
את קרובינו וידידינו לבא ולהשתתף
בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו ה"ה
ה
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר מאיר אריה נ"י
עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
מרת בילא גיטל תחי'
שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ב' פרשת עקב, לסדר "ואהבך וברכך והרבך"
טו"ב (י"ז) מנחם אב תשפ"ה לפ"ק
(ולמספרם MONDAY AUG. 11)
קבלת פנים בשעה 6:00
והחופה בשעה 7:00
באולם תפארת בית דוד ירושלים
6519 BAILY RD. CÔTE SAINT-LUC, QC H4V 1A1, CANADA
ידידיכם המחכים לקבל פניכם
לברך ולהתברך באהבה ובשמחה
הורי החתן
אליעזר צבי הערשקאוויטש
מרת חי' הערשקאוויטש
ניו יארק, יצ"ו
הורי הכלה
יוחנן האכהייזער ובו"ב
בן הרה"ח ר' דוד שמחה האכהייזער ע"ה
קרית טאהש, יצ"ו
אריינצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
718.451.8674
עקסטענשן
840










אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

ואתחנן - תשפ"ה לפ"ק

## דינסטאג פר' דברים

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר ישכר בער לייפער הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## דאנערשטאג פר' דברים

דער רבי שליט"א האט מנחם אבל געווען דורכן טעל ביי משפחת הרה"ח ר' מרדכי נתן דייטש ז"ל און ביי משפחת הרה"ח ר' יושע אהרן בערקאוויטש ז"ל. דער רבי האט מחזק געווען די משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

## שבת קודש פר' דברים-חזון

בערך 15 מינוט פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, די לעכט לע"נ רביה"ק זי"ע, און די נרות שבת, דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צום עמוד צו תפילת מנחה און קבלת שבת, לרגל די יארצייט פונעם פעטער הרה"ק דער באר מנחם פון קאלוב זי"ע. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

א שטיק צייט נאכן דאווענען איז דער רבי איז אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים. מיט הגבהת הכוסו צו קידוש איז מכובד געווארן הרה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש ספעציעל פאר די בחורים תלמידי הישיבה, אזוי אויך איז געווען א געלעגנהייט צו זאגן דברי תורה פארן רבי'ן.

שפעטער ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול, זענען מכובד געווארן מיט די זמירות : הרה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן, הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, אב"ד קלוזש שליט"א, הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו פון מאנטריאל, מוה"ר זיידא ישראל חיים ארי' סג"ל קרויס הי"ו פון מאנסי.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס הרה"צ רבי ישכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. שיר המעלות הב' משולם פייש פויגעל ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך איז פארגעקומען די שלום זכרים פון בן הנולד צו הרה"ג ר' אלחנן חיים כ"ץ שליט"א ר"מ בישיבה גדולה ונכד רביה"ק זי"ע, פון בן מוה"ר ישראל הערש פריעדמאן הי"ו, און פון בן מוה"ר יחזקאל שרגא יואל הערשקאוויטש הי"ו, דער רבי האט געמאכט א ברכה און טועם געווען פון די בונדלעך, דערנאך אנגעוואונטשן די בעלי שמחה ברכות לרוב.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, דער רבי האט געדאווענט אלע תפילות פארן עמוד, לרגל די יארצייט פונעם זיידן הרה"ק רבי ברוך מרדכי פרענקל זצ"ל דומ"ץ קליינווארדיין ומחסידי אשוואק.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרב ישעי' דוד גראס שליט"א, לוי רבינו שליט"א, שלישי מוה"ר מוה"ר יחזקאל שרגא יואל הערשקאוויטש הי"ו, רביעי מוה"ר אברהם יושע העשיל פאלמאן הי"ו פון מאנטריאל, חמישי מוה"ר נחמי' צבי' שווארץ הי"ו, ששי כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, שביעי מוה"ר חנוך דוד שלום וויינגארטן, אחרון מוה"ר ישראל הערש פריעדמאן הי"ו.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, און מפטיר כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א. הגבה מוה"ר אברהם יושע קרויס הי"ו, גלילה מוה"ר יואל פריעדמאן הי"ו. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר משה יוסף קליין הי"ו פון קרית יואל.

◆

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הב' יצחק ראזענבערג נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי הב' אשר ענזיל סג"ל קרויס נ"ו תלמיד ישיבה גדולה, ברהמ"ז על הכוס הב' חיים סג"ל טירנויער נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

די עליות שבת נאכמיטאג האבן עולה געווען כהן מוה"ר יואל זוסמאן פישער נ"ו משמש ביהמ"ד אברכים, לוי מוה"ר אשר ענזיל ברי"ח סג"ל קרויס הי"ו, שלישי מוה"ר ראובן מנחם שווארץ הי"ו משב"ק, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, גלילה מוה"ר שמואל הערש ווייס הי"ו משמש ביהמ"ד הגדול.

ביי סעודה שלישית אין היכל הכוללים האט דער רבי מכבד געווען מיט קידוש און ברהמ"ז על הכוס מוה"ר זיידא ישראל חיים ארי' סג"ל קרויס הי"ו פון מאנסי. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו פון מאנטריאל, הרב אלחנן חיים כ"ץ שליט"א, הרה"צ רבי ישכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. שיר המעלות הב' שלמה יצחק גאלדשטיין נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

מען האט געזינגען פאסיגע ניגוני גלות וגאולה, און הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א האט פארגעזינגען אידישע ניגונים.

ארום 10:00 איז דער רבי אריינגעקומען בהיכל ביהמ"ד הגדול צו תפילת מעריב, צום עמוד איז צוגעגאנגען מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו. נאך מעריב האט מען געמאכט ברכת בורא מאורי האש, דערנאך האט דער רבי פארגעזאגט מגילת איכה.

נאך איכה האט הרב יואל פריעדמאן שליט"א פארגעלערנט מדרש ודברי התעוררות בהיכל ביהמ"ד הגדול. דער רבי האט פארגעלערנט פאר די קינדער און אייניקלעך בחדרו הפרטי.

## זונטאג פר' ואתחנן - תשעה באב

ארום 10:00 אינדערפרי איז דער רבי אריינגעקומען צום דאווענען, פארן עמוד האט געדאווענט מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו. די עליות האבן עולה געווען כהן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, לוי רבינו שליט"א, שלישי דער בעל ברית מוה"ר יחזקאל שרגא יואל הערשקאוויטש הי"ו. הגבה הרה"ג ר' חיים יחזקי' פיש שליט"א פון וומסב"ג נכד רביה"ק זי"ע.

נאכדעם וואס דער רבי האט פארגעזאגט די קינות, איז פארגעקומען די ברית, דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, ויקרא שמו בישראל משולם פייש. נאכן ברית האט דער רבי געבענטשט די קינד און אנגעוואונטשן די עלטערן ברכות לרוב.

דערנאך האט מען געדאווענט מנחה, פארן עמוד האט געדאווענט מו"ה משה לייב בר"י סג"ל קרויס הי"ו. די עליות האבן עולה געווען כהן מוה"ר נפתלי צבי חיים לאנדאוי הי"ו, לוי מוה"ר זיידא ישראל חיים ארי' סג"ל קרויס הי"ו פון מאנסי, שלישי מוה"ר חנוך דוד שלום וויינגארטן הי"ו, הגבה מוה"ר יונתן אהרן שווארץ הי"ו פון מאנטריאל, גלילה הב' חיים נחום בר"י מערמעלשטיין נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

שפעטער נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה, און נאכן טועם זיין געמאכט קידוש לבנה בחצר ביתו נאוה קודש.

## מאנטאג פר' ואתחנן

נאך חצות איז פארגעקומען די אפשערן פון בן מו"ה אברהם יהושע העשיל פאללמאן הי"ו פון מאנטריאל, און פון בן הר"ר ישעי' דוד גראס שליט"א. דער רבי האט אפגעשוירן די האר, אנגעטון קאפל און ציצית, געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדש פאר די עלטערן ובני משפחה.

נאכמיטאג האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל. משפחת הרה"ח ר' יושע ישראל הכהן פישער ז"ל. דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

ביינאכט האט זיך דער רבי משתתף געווען ביי די שמחת הוואכנאכט פון בן הנולד צו מוה"ר ישראל הערש פריעדמאן נ"ו, דער רבי האט געטרינקן לחיים, דערנאך געליינט קריאת שמע און המלאך, און געבענטשט די קינד, און ווארעם אנגעוואונטשן די בעל שמחה ברכות לרוב.




## קול איחוד טאהש

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת עבודה זרה (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניד

## סדר הלימודים

במסגרת החבורת שע"י קהילתינו הק'

### = פרשת עקב =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק ואתחנן נחמו | מד: | מא. | חזרה | חזרה |
| זונטאג יום הבחינה | מה. | מא: | צו. | צב: |
| מאנטאג | מה: | מב. | צו: | צג. |
| דינסטאג | מו. | מב: | צז. | צג: |
| מיטוואך | מו: | מג. | צז: | צד. |
| דאנערשטאג | מז. | מג: | צח. | צד: |
| עש"ק | מז: | מד. | חזרה | חזרה |

### בחינה הבאה ביום א' פרשת עקב

מס' עבו"ז: כד.-מא. | מס' בבא בתרא: פא.-צא:

יו"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג